STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00205

MAYSELEKH FAR YOSELEN

Malka Lee

Permanent preservation of this book was made possible by
Rae F. Kallenberg
in memory of
Peral Leah & Isaac Leib Katz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לי / מעשׂהלעך פֿאַר יאָסעלען

מלכה לי

מעשׂהלעך פאַר יאָסעלען

פאַרלאַג י. ל. פרץ ישראל

1969

MALKA LEE

MAYSELECH FAR JOSELEN

מלכה לי

מעשׂהלעך פֿאַר יאָסעלען

פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel, 1969

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

פאַר מיינע אייניקלעך
פריידעלע און רייזעלע



S. CHARNEY

BROOKLYN, N. Y.

ש. ניגער

ברוקלין, אויגוסט – 15 – 1932

טייערע מלכה לי,

אײַער ש. ניגער

אַ בריוו פֿון שמואל ניגער צו מלכה לי וועגן אירע מעשהלעך

I

פֿאַר וואָס כמאַרעס לויפֿן אַרום דער לבנה

אַ מאָל זײַנען געווען אַ סך ציגעלעך. דער פּאַסטעך האָט זיי פֿאַרלוירן אין פֿעלד. אין דרויסן איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם, האָבן די ציגעלעך אָנגעהויבן לויפֿן און זיך פֿאַרלוירן צווישן די הויכע ביימער. האָבן די ביימער זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, און די ציגעלעך זײַנען געלאָפֿן פֿון בוים צו בוים זוכן אַ באַהעל־טעניש פֿאַר זיך.

דער ווינט האָט זיי געצויפּט און געריסן און האָט שיִער ניט אַראָפּגעריסן זייער צאַרטע פֿעל. און אַ גרויסע פֿינצטערניש איז אַראָפּגעפֿאַלן. צווישן דער שוואַרצקייט פֿון די ביימער האָבן די ציגעלעך דורכגעלויכטן ווי ווײַסע שנייעלעך. האָבן די ציגעלעך זיך צעוויינט ווי קליינע קינדערלעך, אָבער קיינער האָט ניט געהערט ווי זיי וויינען. אַלע קינדערלעך זײַנען שוין געשלאָפֿן אין וואַרעמע בעטן און ניט געוווּסט, אַז ערגעץ ווו לויפֿן אַרום ציגעלעך און ציטערן פֿון קעלט. נאָר די לבנה האָט פֿאַרנומען דאָס געוויין פֿון די דערשראָקענע ציגעלעך. זי האָט דורכגעבראָכן דעם גרויען הימל און זיך אָנגעקגעשטעלט, ווי אַ ליכטיקער לאָמפּ, אַנטקעגן די פֿאַרבלאָנדזשעטע ציגעלעך. זי האָט געוואָרפֿן לאַנגע זילבערנע שטראַלן, האָבן די ציגעלעך דערזען אַ וועג אַרויף און גענומען אַרויפֿשפּאַנען צו דער לבנה. ווען זיי זײַנען שוין געווען נאָענט צום הימל, איז זיי געוואָרן זייער קאַלט. האָבן זיי אָנגע־הויבן אַרומצולויפֿן אַרום דער לבנה און זיי זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווײַסע כמאַרעס. און ביזן הײַנטיקן טאָג קאָנען אַלע קינדערלעך זען אַרומלויפֿן ווײַסע ציגעלעך אַרום דער לבנה.

פאַר וואָס איז נאַכט

עס איז אַ מאָל געווען אַן אַלטע פרוי. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרצן לאַנגען שלייער, די אויגן זיינען געווען פאַרמאַכט. זי איז געווען די נאַכט.

האָט זי אויפגעהויבן איר שלייער, האָט זי פאַרשפרייט אַ פינצטערניש און אַלץ איז געוואָרן שוואַרץ, האָט איר שפּיץ פון שלייער אָנגערירט אַ שויב, איז שוין מער קיין ליכט אַהין ניט אַריינגעקומען. ווער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין איר, איז געוואָרן שוואַרץ. דער וואַלד איז געוואָרן שאָטנדיק, דער טייך — ווי אַ טונקעלער שפּיגל. אַלץ איז געווען מוראדיק. איר שלייער איז געווען דורכגעהאָפטן מיט גאָלדענע פליטערלעך, קינדערלעך האָבן עס גערופן שטערנדלעך.

איין מאָל גייט זי אויף אַ וועג, איז איר אַרויפגעפלויגן אויפן קאָפּ אַ ווייסע טויב, און די טויב האָט אַזוי געזאָגט צו איר:

— לאָז מיך דיך אַרומנעמען מיט מיינע ווייסע פליגל און עס וועט ווערן טאָג.

האָט די פרוי אין שוואַרצן געענטפערט:

— אַ מאָל, ווען מענטשן זיינען געווען גוטע, און זיי האָבן אַלץ געקאָנט זען אין דער וועלט, האָבן זיי געבענקט נאָך מיר, בין איך געקומען און געמאַכט שאָטן. איך האָב אַ וואָרף געטאָן מיין שלייער אויף זיי, און עס איז געוואָרן נאַכט.

האָט די ווייסע טויב אויפגעהויבן אירע ווייסע פליגל, און דער מאָרגן האָט זיך אָנגעצונדן אין זיי, איז געוואָרן ליכטיק, און די פרוי מיטן שוואַרצן שלייער האָט זיך איינגעבויגן און זיך פאַרלאָשן פאַרן מאָרגן. נאָר ווען די טויב, מיד פון האַלטן אַזוי לאַנג צעשפרייט די פליגל, האָט זיך גענומען אָפּרוען, איז די פרוי מיטן שלייער אַוועק ווייטער פאַרשפרייטן נאַכט.

ווייסע הענטשקעס

אַ מאָל איז געווען אַ וואַלד מיט ביימעלעך דינינקע. און קאַלט איז געווען די ביימעלעך. האָבן ביימעלעך געציטערט מיט נאַקעטע הענטעלעך. און אַ שניי איז געפאַלן. האָט דער שניי אויסגעשטיקט ווייסינקע הענטשקעס אויף די פאַרפרוירענע צוויי־געלעך. איז געקומען אַ ווינט אַ צעלאָזענער און האָט אָנגעהויבן צו רייסן די הענטשקעלעך פון די ביימערשע הענטעלעך. האָבן די ביימעלעך אויסגעשטרעקט זיך אַהין, ווו דער ווינט איז געלאָפן, און מיט אַ יאָמער געבעטן:

— גוטער ווינט, טייערער ווינט, לאָז ניט אונדזערע פינ־גערלעך פאַרפרוירן ווערן. האָסט ביי אונדז אָראָפּגעריסן די בלעטער, לאָז אונדז איבער די הענטשקעלעך.

נאָר דער צעלאָזענער ווינט האָט זיי פאַרשריגן. ער האָט זיך געקוליעט באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף, און מיטגעשלעפּט די ווייסע וואָל פון די שנייִקע הענטשקעס.

דריי בלינדע בעטלער

זיינען געווען אַ מאָל דריי בעטלער און אַלע זיינען געווען בלינד. זיי זיינען אויך געווען הונגעריק און ניט געהאַט וואָס צום עסן, און שלעכטע מענטשן האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן פון די דירות. זיינען זיי אַוועק וואַנדערן. און איין מאָל ביי נאַכט גייט מאַמע מיט יאָסעלען אַ גאַנג, און זיי הערן אַ געזאַנג, אַ ראַדיאָ-געזאַנג, וואָס גיסט זיך אין דער לופטן. האָט זיך זיי שטאַרק געוואָלט פאַרמאַכן די אויגן און זיך אַוועקשטעלן אין אַ זייט, דער ניגון זאָל זיך אַריינגיסן אין זייערע אויערן און פאַרבלייבן אינעווייניק אויף אַלע מאָל. און ווי זיי טראַכטן אַזוי, דערזעען זיי, ווי אַלע מענטשן פון גאַס בלייבן שטיין מיט פאַר־מאַכטע אויגן און הערן זיך צו צום שפילן. אויטאָמאָבילן זיינען שטיין געבליבן, און באַנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגע־הערט צום ווונדערלעכן שפיל, וואָס איז געשוווּמען אין דער לופטן. דער זייגער פון גאַס איז שטיין געבליבן און זיך אויך צוגעהערט. און אַלץ איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, ווי דער שלאָף. און זיי האָבן דערזען אויפן הימל ווי די דריי בלינדע בעטלער, מיט גאָלדענע אויגן, האַלטן דריי זילבערנע פידלען און גיסן געזאַנג איבער דער וועלט.

דער אונטערגעזעגטער בוים

אַנטקעגן מיין פענצטער איז געוואַקסן אַ בוים — הויך און רונד. אַכט מענטשלעכע הענט האָבן אים ניט געקאָנט אַרומנעמען. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ פעל פון שוואַרצער, געזונטער קאָרע.

אַ בוים — אַ צירונג פאַר מיין פענצטער.

זומער האָבן פייגל זיך געבויט נעסטן אין די צווייגן און געזונגען לידער צו דער זון, צום גאָלדענעם טאָג, וואָס שטראַלט מיט ליכט פאַר מיין פענצטער.

אין האַרבסט פאַלן גאָלדענע בלעטער פון זיין קרוין, ווי דער בוים וואָלט טיילן מתנות פון זומער אַלע פאַרבייגייער.

אַ גאָלדענער בוים פאַר מיין פענצטער.

דער בוים האָט געהאַט באַהאַלטענע טירעלעך, קיין מענטש האָט ניט געקאָנט צוקומען צו זיי. די טירעלעך האָבן זיך גע־שלענגלט ווי דורך אַ כישוף־טונעל און דאָרטן, אינעווייניק, האָבן געוווינט די וועווריקלעך.

זומער האָבן זיי אָנגעגרייט ניסעלעך פאַרן ווינטער. דורך פאַרשידענע קונצן פלעגן די וועווריקלעך אַריינלויפן אין די טירעלעך און פאַכען מיט די בעזעם־עקעלעך און זיך באַהאַלטן אינעווייניק. זיי פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסקומען פון די באַהעלטענישן, און אַ מאָל פאַרבלאָנדזשען אויפן ראַנד פון מיין פענצטער, דערשראָקן אַ קוק טאָן אין איין זייט, אַ קוק טאָן אין דער צווייטער זייט, און ווען זיי פלעגן באַגעגענען מיינע בליקן — שנעל, שנעל צוריקהיפּן אין טירעלע פון בוים.

די פייגל פלעגן זיך אַלע צוזאַמענפליִען אויפן בוים און זינגען לידער. די קליינע פייגעלעך פלעגן זיך צוהערן און פריידיק מיטזינגען, מיט טאַטע־מאַמע פייגל.

אַ זינגענדיקער בוים פאַר מיין פענצטער.

איין מאָל, אין אַ פרילינג פאַרטאָג, ווען דער בוים איז געווען איינגעהילט אין בליִענדיקן צווייט און די פייגל האָבן געזונגען

שירה צום פרילינג, האָט זיך מיין פענצטער אַ וויג־געטאָן, ווי אין אַן ערד־ציטערניש. איך בין צוגעלאָפן צום פענצטער און דערזען אַ גרויסע זעגמאַשין און געפלאָכטענע שטריק־גאַרטלען אַרום דעם בוים. די פייגל האָבן אין אַ כאַר געצוויטשערט, ווי פאַר אַ גרויסן שטורעם. די וועוורקלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון זייערע באַהעלטענישן, דערשראָקענע אַרויסגעשפּרונגען און זיך געלאָזט אויף די טעלעפאָן־דראָטן, געלאָפן צעטומלט אַהין און צוריק, און ניט געוווּסט ווו זיך צו באַהאַלטן. נאָר דער בוים האָט העכער צום הימל אויפגעהויבן די צווייגן־הענט, ווי אין אַ געבעט צו גאָט, ער זאָל נאָך לאַנג וואַקסן און בליִען, און די פייגל זאָלן ניט אָפּגעפרעמדט ווערן און זיך נעסטן אין זיינע בליִענדיקע צווייגן און אויסזינגען דאָס געזאַנג פון פרילינג צו דער ליכטיקער וועלט.

פּלוצלונג האָט דער שטומער בוים אויפגעצאַפּלט.

ווי אַ בייזער וואָלף האָט די עלעקטרישע זעג זיך איינגעביסן אין גוף פון לעבעדיקן בוים, און דער גאַנצער אַרום, דער ליכטיקער דרויסן האָט מיט שרעקלעכע קולות פאַרהילכט די לופט.

די עלעקטרישע זעג האָט געזעגט דעם גוף פון בוים, און אַ ריטשענדיקער עכאָ האָט אָפּגעהילכט און אויפגעציטערט אין אַלע שויבן פון די הייזער.

די זעג האָט געזעגט, ווי זי וואָלט איבערגעזעגט ניט נאָר דעם בוים, נאָר דעם ליכטיקן פרילינג־טאָג אויף צווייען.

דער בוים האָט געשריגן, נאָר די זעג האָט אים אַריבער־געשריגן. און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ דונער־פאַל, און דער בוים איז געפאַלן אויף דער ערד אַן איבערגעזעגטער. די גרינע צווייגן מיט די לעבעדיקע נעסטן האָבן צוגעדעקט די גאַנצע גאַס.

דער בוים איז געלעגן אויף דער ערד באַגאָסן מיט פרישן טוי, דער בליִענדיקער צוויט צעשאָטן, און די פייגל זיינען אָנגעפלויגן אין אַ טשאַטע, צוגעפאַלן צו די נעסטן פאַרחלשטע און צוזאַמען געמאַכט אַ געוואַלד אויף די פייגל־קולות. ווען דער

בוים האָט זיך ניט געקאָנט אויפהויבן צוריק, זיינען די דער־שראָקענע פייגל צוגעפלויגן צו מיין פענצטער, ווי צו זוכן הילף ביי מיר, דעם מענטש, וואָס האָט צוגעזען, ווי מען צעשטערט זייער נעסט און די קליינע פייגעלעך געלאָזן אָן אַ היים.

דער בוים איז געלעגן אויף דער גאַס מיט די צווייגן־הענט צענומען און געפרעגט אַלע פאַרבייגייער אויף שטום־לשון: פאַר וואָס? פאַר וואָס?

קינדערלעך זיינען געגאַנגען פון שול און צוגעלאָפן צום געפאַלענעם בוים און געפרעגט זייערע מאַמעס: פאַר וואָס? פאַר וואָס?

אַ גאַנצן טאָג זיינען די דערשראָקענע פייגל צוריקגעקומען צו זייערע נעסטן און קיין נעסט איז מער ניט געווען. דעם בוים האָט מען אַוועקגעשלעפּט מיט די שטריק און אים צעפּיצלט אויף שטיקער האָלץ.

אויף זיין פּלאַץ האָט מען אויסגעפלאַסטערט אַ צעמענטע־נעם טראָטואַר.

נאָר אַלע טאָג, ווען די זון גייט אויף, און אַ פויגל פלאַטערט צום בלויען הימל, עפן איך אויף מיין פענצטער און איך קוק אַהין — וווּ דער בוים האָט געבליט — און איך זינג אין שטיל־קייט פאַרן געפאַלענעם בוים אַ ייִדיש ליד.

צוויי ווערבעס

אַ מאָל איז געווען אַ קערנדל. דאָס קערנדל איז געפלויגן און געפלויגן, דער בייזער ווינט האָט עס אָוועקגעבלאָזן לעבן אַ טייכעלע, און דאָס קערנדל האָט זיך איינגעגראָבן אין אַ גרי־בעלע, עס זאָל ניט דערטרונקען ווערן.

אַ טראָפּן וואַסער איז צוגעשוווּמען צום קערנדל און עס אָנגע־זויגן. פון קערנדל איז געוואָרן אַ קליין ריטעלע, און דאָס דינע ריטעלע איז געווען זייער שוואַך. איז די זון אַרויס און עס אַ קוש געטאָן, און אַ זון־שטראַל האָט אַרומגעוויקלט דאָס קעפּעלע, און בלעטעלעך האָבן אָנגעהויבן צו וואַקסן אויפן ריטעלע.

דאָס ריטעלע האָט זיך אויסגעצויגן העכער און העכער. אַ זילבערנער טוי איז געפאַלן, דאָס קליינע ווערבעלע האָט דער־פילט, ווי דער טוי וואָלט, ווי מיט פריידיקע טרערן, באַגאָסן יעדעס בלעטל באַזונדער און געפרייט זיך וואָס אַ נייע ווערבע וואַקסט.

איין מאָל איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. אַ רעגן האָט, ווי מיט בייטשן, געשלאָגן דאָס ווערבעלע, דער ווינט האָט עס גע־בויגן צו דער ערד. דאָס ווערבעלע, דורכגענעצט פון קעלט און רעגן, האָט ביטער געוויינט. די רעגן־טרערן זיינען געפאַלן פון אירע אויגן. דאָס ווערבעלע האָט געמיינט, עס ענדיקט זיך שוין די וועלט, און ווען דער בייזער רעגן האָט עס שטאַרקער און שטאַרקער געשלאָגן, האָט עס זיך פאַר ווייטיק אַ בייג געטאָן אין אַ זייט, און דערפילט, עפּעס טוליעט זיך צו איר גוף. דאָס ווערבעלע האָט דערזען נאָך אַ קלענער ווערבעלע, ווי אַ קלענער שוועסטערל. דאָס שוועסטערל האָט זיך צוגעטוליעט צו איר גוף, און צוזאַמען האָבן זיי זיך צוגעהאַלטן ביז דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט. די זון איז אַרויס אַ שטראַליקע, אוןביידע שוועסטער־ביימעלעך האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען.

די צוויי שוועסטער־ווערבעס זיינען געוואַקסן, און לאַנגע גרינע ווערבער־צעפּ האָבן פאַרדעקט זייערע פּנימער. אָפט פלעגן

זיי זיך איינהילן, ווי טענצערינס הינטער גרינע שלייערן, און זיי האָבן אויסגעטאַנצט די פרייד פון זומער.

דער זומער איז אַוועק, דער האַרבסט איז געקומען עס איז געוואָרן קילער, די פייגל האָבן גענומען פליִען אין טשאַטעס צו ווייטע וואַרעמע לענדער.

דאָס טייכעלע, וואָס האָט זיי אָפּגעשפּיגלט, איז געוואָרן פאַרכמאַרעט, און איין מאָל האָבן זיי דערפילט אַ שרעקלעכע קעלט. ווייסע שנייעלעך האָבן גענומען פאַלן פון גרויען הימל. דער שניי האָט זיי פאַרדעקט מיט אייז-צעפּעלעך, זיי האָבן דערפילט אַ שטייפקייט אין די קעפּ און ניט געקאָנט אָפּטרייסלען דעם שניי. דאָס טייכעלע איז פאַרפרוירן געוואָרן אין אַ לאַנגן ווינטער-שלאָף.

איין מאָל האָבן זיי דערהערט אַ רוישן אין טייכעלע. זיי האָבן זיך ביידע אַ טרייסל געטאָן. דאָס טייכעלע האָט געקלאַפּט מיט וואַסער-פּייקעלעך: שטייט אויף! שטייט אויף! ביידע שוועסטער-ווערבעס האָבן אָפּגעטרייסלט דעם שניי-פּוך פון זיך, דורך די לאַנגע ווערבע-צעפּ אַרויסגעקוקט, און דערזען אַ פייגעלע פליִט. עס פליט מיט אַ שטרויעלע אין מויל צו בויען אַ נעסט.

און ביידע שוועסטער-ווערבעס האָבן דערהערט אַ ציף-ציף פון פויגל-געזאַנג, און דאָס פייגעלע האָט אָנגעזאָגט: שטייט אויף! דער פרילינג איז דאָ! בינען זיינען אָנגעפלויגן אין אַ געזשום: דער פרילינג קומט! דער פרילינג קומט! אַ קאַץ האָט זיך גע-וואַשן דאָס פּנים, פאַרזשמורעט די אייגעלעך און אַ גענעץ געטאָן: דער פרילינג קומט! הינדעלעך זיינען אָנגעלאָפן מיט יונגע טאַנ-צנדיקע טריטעלעך: דער פרילינג קומט! דער פרילינג קומט!

און קינדערלעך זיינען אָנגעלאָפן מיט געפילדער צום טיי-כעלע, און זיי האָבן דערזען די צוויי שטראַלנדיקע ווערבעס שפּיגלען זיך אין טייכל, ביידע קעפּ פאַרפלאָנטערט אין אַ קרוין, און די זון לאַכט און שפּיגלט זיי אָפּ אין טייכל, און די צוויי שוועסטער-ווערבעס וויגן זיך און טאַנצן אויס דעם טאַנץ פון פרילינג.

דאָס קאַרשנביימל

אין אַ ווייטן לאַנד אין אַ טיפֿן טאָל, איז געווען אַ וואַלד, שוואַרץ ווי קויל. קיין בוים האָט דאָרט ניט געבוירן קיין בלעטער, די שפּיץ־קרוינען פֿלעגן אויפֿלויכטן ביים זון־אויפֿגאַנג מיט דינע בערשטלעך גאָלד און באַלד זיך ווידער באַהעפֿטן מיט דער שוואַרצקייט פֿון זייערע שטאַמען און פֿאַרשוואַרצן דעם טאָל.

האָט אַ מאָל אַ גרויסער שטורעם פֿאַרזייט אַ קערנדל פֿון אַ קאַרשנביימל, פֿאַרקניפּט עס מיט דער ערד, און אַ קליין דין שפּראָצל האָט אויפֿגעשפּראָצט, און עס איז געוואַקסן און זיך געשטאַלטיקט אין אַ קאַרשנביימל.

די שוואַרצע ביימער האָבן ניט געוווּסט, אַז אין זייער משפּחה האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ ניי באַשעפֿעניש. דאָס קאַר־שנביימל איז געוואַקסן אין אַ זייט פֿון טאָל. דער טאָל איז געווען ווי אַ מולטער. דאָס קאַרשנביימל איז אויסגעוואַקסן כמעט ליגנ־דיק און האָט געזען אַלץ, וואָס טוט זיך אין טאָל.

פֿלעגט די נאַכט צופֿאַלן, האָבן טונקעלע קולות זיך אויפֿ־געהויבן פֿונעם טאָל. פֿייגל פֿלעגן זעגן די לופֿט מיט כריפּנדיקע קלאַנגען. עס איז ניט געווען דאָס געזאַנג פֿון פֿייגל, וואָס זינגען אין כאָר שלאָף־לידער, נאָר אַ טיף כראָפּען פֿון פֿייגל, וואָס שטייען מיט אָפֿענע מיילער איבער די שפּיץ־ביימער און קראַקען.

איין מאָל האָבן די שוואַרצע ביימער דערזען דאָס קאַרשנ־ביימל. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך שושקען. יעדער האָט געוואָלט דערלאַנגען צום קאַרשנביימל, אָבער יעדער בוים איז געווען פֿאַרפֿלאָכטן מיט דער ערד, און שווער איז אַרויסצוכאַפּן אַ פֿוס פֿון דער ערד.

איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. אַ ווינט האָט אָנגעטריבן וואָלקנס־שאָף, די שאָף האָבן זיך גענומען מערן און מערן — סטאַדעס אויף סטאַדעס, די ביימער האָבן אָנגעהויבן קנאַקן מיט טרוקענע מוסקלען, ווינט מיט שטויב האָבן זיך אַ טראָג געטאָן. אַ בוים האָט אַ טאַנץ געטאָן, אָבער איידער ער האָט צייט געהאַט

אַ קוק צו טאָן אויף דער ליכטיקער וועלט, איז ער אַראָפּ אין פינצטערן טאָל און געבליבן ליגן אַנטקעגן שטורעמדיקן הימל.

עס האָט געבליצט און געדונערט. דער ווינט האָט געביטשט דאָס קאַרשנביימל, דאָס קאַרשנביימל האָט געוויינט פון ווייטיק, אָפּגעשאָטן אַלע בלעטער אין טאָל אַריין, גערופן איר מאַמע-בוים. דאָרט, אינעם קאַרשן-סאָד איז פריילעך, די רויטע קאַרשן לאַכן צו דער זון, און דאָ שטייט עס, ווי אַ שעפּעלע, צווישן שוואַרצע בערן.

*

דער וואַלד איז עלטער געוואָרן מיט נאָך אַ יאָר.

אַ נייער רינג האָט זיך איינגעשניטן אינעם בוים. דאָס קאַרשנביימעלע האָט זיך ווידער אָנגעטאָן אין רויטע קאַרשן. קיין שום האַנט פלעגט ניט אָנרירן די קאַרשן, ווייל קיינער איז ניט צוגעקומען נאָענט צום שוואַרצן וואַלד.

איין מאָל איז מען געקומען אויסהאַקן דעם וואַלד. מען האָט געבראַכט העק, זעגן, שלעפּמאַשינען מיט ריזיקע אייזערנע ציי-נער. פון אַרומיקע דערפער זיינען זיך פויערים צוזאַמענגעקומען און אָנגעהויבן שניידן דעם וואַלד. העק האָבן געהילכט, מאַשינען האָבן גערוישט, קנוילן ערד זיינען צעטומלט אַרומגעפלויגן אין דער לופטן. שטיינער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער טויזנטיאָריקן שלאָף. בוים נאָך בוים איז געפאַלן מיט פאַרפלאָכטענע הענט, ביז דאָס אייזערנע מויל האָט דערגרייכט דאָס קאַרשנביימל.

דאָס אייזערנע מויל האָט זיך גערוקט, ווי אַ מאָנסטער, און פאַרצוקט די ביימער, נאָר לעבן דינעם קאַרשנביימל האָט די האַנט פונעם אַרבעטער אָפּגעשטעלט די אַרבעט. דער אַרבעטער האָט פאָרזיכטיק אַרומגעגראָבן אַ רייף אַרום קאַרשנביימל און עס אַרויסגעצויגן מיטביידע הענט, פּונקט ווי מען הייבט אויף אַ קינד. ער האָט עס איינגעוויקלט אין אַ זאַק, און ווען דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן, האָט ער גענומען דאָס ביימעלע אויף די הענט און עס געטראָגן אַהיים צו זיין ווייב.

דער פויער איז געגאַנגען איבער דינע וואַלד־סטעזשקעס. זיין קאָפּ איז געווען גרוי, די באַקן — פול מיט קנייטשן. דער וועג איז געווען לאַנג, די נאַכט האָט געזונגען מיט מיליאָנען שטערן אויפן הימל. דער פויער האָט געטראָגן דאָס ביימעלע אַהיים.

דאָס ווייב האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, געגרייט צום טיש און געהערט, ווי די נאַכט האָט אויסגעקלאַפּט די טריט פון איר מאַן.

זי האָט געעפנט די טיר, דער פויער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ביימעלע. דאָס ביימעלע איז געווען שלעפערדיק, האָט זיך עס אויסגעצויגן אויף דער ערד.

דער פויער און זיין ווייב האָבן געגעסן זייער אָנטברויט. אַזאַ רו האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן שטיבל. אויף דער ערד איז געשלאָפן דאָס קאַרשנביימל. דער לאָמפּ האָט זיך אויסגע־לאָשן. די לבנה האָט צוגעלייגט איר פּנים צום פענצטערל און אָנגעגאָסן מיט ליכט דאָס פינצטערע שטיבל.

פאַר טאָג, איידער דער פויער איז געגאַנגען צו זיין אַרבעט, האָט ער דאָס קאַרשנביימל פאַרפלאַנצט לעבן זיין פענצטער. די פויערטע פלעגט אים ברענגען מילך, באַגיסן מיט פעטע וואַסערן, דאָס ביימעלע האָט זיך געשטאַרקט. מיטן קומען פון נייעם זומער האָט די הויט אויסגעשלאָגן מיט גרינע קנעפּלעך און עס האָבן זיך באַוויזן רויטע פייערדיקע קאַרשן.

דאָס ביימל איז איבערגעוואַקסן דאָס פויערישע שטיבל, יעדעס יאָר געוואַקסן העכער און העכער, געצויגן זיך צו דער זון.

ביזן היינטיקן טאָג שטייט לעבן קליינעם פויערישן שטיבל אַ קאַרשנבוים מיט רויטע לאַבנדיקע קאַרשן.

גאָלדענע פֿישעלעך

אין אַ טייך אַ ווייטן, אין אַ טייך אַ גרינעם, האָבן געלעבט גאָלדענע פֿישעלעך. זיי פֿלעגן קיין מאָל ניט אַרויסשווימען פֿון זייער וואַסער־היים. האָט די זון זיי גערופֿן, האָבן זיי אַרויסגעשטעלט די קעפּלעך צו איר, און פֿונעם אייגענעם וואַסער־רויש זיך אַרונטערלאָזן צוריק אין די טיפֿעניש, פֿאַרשפּינען זיך אין זיידענע וואַסער־פֿעדעם ביז אַראָפּ צום גרונט.

איז געווען אַ מאָל אַ יִנגעלע, וואָס האָט זייער געוואָלט האָבן אַ גאָלדן פֿישעלע, איז ער אַוועק צום גרינעם טייך, מיט אַ געשניצט בייטשל. אויפֿן שפּיץ איז געהאָנגען אַ האַטשעקל, צוגעטשעפּעט אַ פֿאַנג־שלענגעלע און דאָס יִנגעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן שטייןביים ברעג טייך, אַרויסגעצויגן זיין פֿאַנג־בייטשל צום טייך און אַרונטערגעלאָזט דאָס שטריקל אין וואַסער אַריין. די פֿישעלעך האָבן דערהערט אַ שאָרשקען, און אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט דערשראָקן, זיי האָבן זיך צוזאַמענגערוקט אין איינעם. אַ רייץ מיטן שטריקל — און באַלד זיך אַרונטערגעלאָזט טיפֿער, טיפֿער ביז אין דער בלאָטע אַריין. וואַסער־פֿייגל האָבן געפּאַטשט מיט זיידענע פֿליגל די איבערפֿלאַך פֿון טייך, און אַ שטילקייט האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זילבערנע טאַצן פֿון וואַסער. דעם יִנגלס הענטל איז מיד געוואָרן, דאָס וואַסער האָט אין אַ שווינדלטאַנץ געדרייט זיך אַרום אים, דאָס יִנגעלע האָט זיך אַ וויג געטאָן און אַריינגעפֿאַלן אין טייך. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים אויפֿגעוועקט פֿון דרימל. ער איז געווען אַ גוטער שווימער, איז ער צוגעשווומען צו אַ פֿעלדז וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון טייך. דער פֿעלדז איז געווען אַלט און געשטופּלט, ער האָט פֿאַרמאָגט אַ סאַך טירעלעך.

זיצט אַזוי דאָס יִנגעלע און ציטערט פֿון קעלט, זיינע קליידער זיינען נאַס. עפֿנט זיך אויף אַ שטיינערן טירעלע און עס שפּאַנט אַרויס אַ וואַסערהאָן. ער שפּרייט אויס די פֿליגל — צוויי פֿייערדיקע וועבן — און גיט אַ קריי. דאָס וואַסער צאַפּלט זיך, און עס

דאַכט זיך אים, ער הערט זיין מאַמע ענטפערן: איך קום צו דיר, מיין יינגעלע! פון אַן אַנדער טירעלע קומט אַרויס אַ מיידעלע, וואָס קאָן ניט ריידן, ווייל עס איז געווען אַ ליאַלקעלע, באַשאַפן דורך אַ מענטשלעכער האַנט. און טיף, טיף אין טייך שפּיגלען זיך טירעלעך אויף טירעלעך. פון ווייטסטן טירעלע קוקן אַרויס די גאָלדענע פישעלעך מיט פּעכערס און בורשטינענע אייגעלעך און גאָלדענע פראַנדזן אויף די עקעלעך, קוקן אַן דאָס יינגעלע און פאַרשווינדן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. פון ווייטנס זיינען געגאַנגען מאַטאָר-שיפן, זיי האָבן געשניטן דאָס וואַסער און געלאָזט הינטער זיך אַ לאַנגן שנור. אויף יענער זייט טייך האָבן זיך אָנגעצונדן לאָמפּן, און דאָ איז נאָך פינצטערער געוואָרן. דאָס יינגעלע האָט אַראָפּ-געלאָזט דעם קאָפּ און איז געוואָרן אומעטיק. אין טייך האָבן די פישעלעך געלויכטן און געפינקלט מיט גאָלדענע שווערדלעך ביי די זייטן. ער האָט אָנגעהויבן ציילן די שטערן דורכן קלאָרן וואַסער-שפּיגל. פּלוצלונג האָט ער דערפילט אַ צופּן פאַר די הענט און דערזען אַלע פישעלעך זיינען אַרויסגעשווומען אויפן אויבער-פלאַך, אים אַרומגערינגלט אין אַ קרייז. דאָס פאַנגשטעקעלע איז ערגעץ אַוועק מיטן שטראָם, זיי האָבן מער קיין מורא ניט פאַר אים, דעם יינגעלע איז פריילעך געוואָרן און איין פישעלע האָט זיך אים אין גאַנצן אַוועקגעשענקט ער זאָל עס נעמען מיט זיך אַהיים.

און דאָ איז צוגעשווומען אַ שיפל מיט אַ פישערמאַן, און דערזען אַ יינגעלע זיצט אויף אַ שטיין, האָט ער אים אַריינגענומען צו זיך אין שיפל און צוגעשווומען צום ברעג, וווּ זיין מאַמע האָט שוין געוואַרט אויף אים.

און אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס מעשׂהלע מיט די גאָל-דענע פישעלעך.

אין שפּאַן

האַלב נאָך דריי פּאַר טאָג, ווען די גאַסן שלאָפן, שפּאַנט מען איין ביל. זיין קאָפּ בייגט זיך אַליין צום לעדערנעם קאָלנער, שוין יאָרן, אַז ער טוט די אַרבעט, אַלע טאָג, אין דער זעלביקער צייט.

מען שפּאַנט אים איין אין אַ קעסטלדיקן ווייסן וואָגן, מיט גרויסע, רויטע רעדער, און ער שלעפּט זיך און קלאַפּט אויס אין דער מאָרגנדיקער שטילקייט זיינע טריט. בלייבט שטיין לעבן יעדן הויז, דער מילכמאַן שפּרינגט אַראָפּ, צעטראָגט די פלעשער מילך צו יעדער טיר, אויף יעדן גאָרן, און ביל גייט ווייטער אין שפּאַן.

אין בלויען פאַרטאָג באַגעגנט ביל אַ מאָל אַ מענטשן אַהיימ־גיין אַ פאַרשפּעטיקטן. טאַנצט ער אונטער, קוקט אים אָן און שאָקלט אים צו אַ גוט-מאָרגן. און אַזוי שלעפּט ער זיך טאָג־איין, טאָג־אויס אויף דעם שמאָלן וועג, וואָס ציט זיך לעבן בראָנקס־פּאַרק, צו דער געדיכטעניש פון די הייזער. ביל הייבט קיין מאָל ניט אויף דעם קאָפּ צום הימל, זעט ניט, ווי די שטערן שלייכן זיך און באַהאַלטן זיך פאַרן טאָג. ביל גייט אין שפּאַן און קוקט אַראָפּ. די רעדער שלעפּן זיך אים נאָך, ביז דער וואָגן ווערט גרינגער און אויסגעליידיקט פון דער שווערקייט. די ליידיקע פלעשער קלינגען און זינגען אים צו, אויפן וועג צוריק צו זיין שטאַל. מען שפּאַנט אים אויס, און ער שטעלט זיך אַוועק אין ווינקל און קייט ביז ער ווערט איינגעדרעמלט, שטייענדיקערהייט.

איין מאָל, פּאַר טאָג, גייט אַזוי ביל אין שפּאַן, ער קאָן צומאַכן די אויגן און בלינד געפינען דעם וועג, וווּהין ער דאַרף. די גאַסן זיינען גליטשיק, עס טריפט אַ רעגן. די לעצטע רעשטלעך פון באַפּאַנצערטע שטיקער אייז צעגייען אונטערן וואַרעמען רעגן. עס שמעקט מיט פרילינג.

ביל צעעפנט די נאָזלעכער און שנאַפּט צום בראָנקס-פּאַרק. ער שמעקט ווייטע „פּריירים”, פרייע פעלדער. ער צעהירזשעט

זיך. דער פאַרטאָג ענטפערט אים אָפּ. ביל זוכט מיט דער נאָז דאָס גראָז, וואָס ליגט ערגעץ נאָענט, ער ווייסט ניט ווו. און אַזוי דערשלעפּט ער זיך ביז צו דער שטאָל. דער מילכמאַן שפאַנט אים אויס, ביל טרייסלט זיך אָפּ פון דעם געשפאַן און ער לאָזט אים פריי צו גיין אין שטאָל. אַנשטאָט גיין זיין געוויינלעכן גאַנג צו דער שטאָל, הייבט ביל אויף זיין עק, גייט אַרויס הורכן טויער און הייבט אָן לויפן אַהין, ווו עס טראָגט זיך דער ריח פון אָפענע פעלדער, פון ליכטיקע, זוניקע „פריירים". ער לויפט מיט צעפלי־גלטע נאָזלעכער, טאַנצט אַריבער דאָס שמאָלע גאַסל, נאָר אָט איז אַ וואַנט. ער קירעוועט זיך אויס און לויפט ווייטער, שלאָגט זיך אָן אין אַ שטיינערנעם הויז, און דער פרילינג שמעקט מיט וואַרעמען רעגן. ביל וויל מיטן קאָפּ דורכברעכן די ווענט, וואָס פאַרשטעלן אים דעם וועג צו די „פריירים", וואָס צאַמען אים אָפּ פון די ווייטן. ער הירזשעט און לויפט ווייטער. הינטער אים לויפט דער מילכמאַן אַ פאַרסאָפּעטער און רופט אים: ביל! ביל! אָבער ביל פליט אַ צעווילדעוועטער איבער די געדיכטע גאַסן. דער מילכמאַן לויפט צו אַ טעלעפאָן־סלופּ און רופט פּאָליציי נאָך הילף. אַזוינס האָט נאָך מיט בילן ניט געטראָפן. ער גייט אַלע מאָל געטריי אין שפאַן.

עס איז ווייסער מאָרגן. די גאַסן ווערן געדיכט מיט מענטשן, אַ קלאַפּן פון פיס, געשרייען. זיי גייען צו דער אַרבעט, זעען זיי אַ ווילד, צעפלאָשעט פערד, יאָגן זיי זיך נאָך אים. ביל אַנטלויפט און ווערט נאָך מער צעטומלט. דערהוויל קומען אָן פּאָליציאַנטן אויף „מאָטאָר־ציקלעטן". מען טרובעט, מען קלינגט, מענטשן שטעקן אַרויס קעפּ דורך די פענצטער, אַ געפּילדער טראָגט זיך איבער דער שטאָט. די ציקלעטן דעריאָגן דעם צעווילדעוועטן ביל. איינער פון איין זייט, דער צווייטער פון דער צווייטער זייט. ביל איז בייז, ער הייבט אויף אַ הינטערשטן פוס, גיט אַ בריקע איין פּאָליציאַנט, מיטן צווייטן פוס אַ זעץ דעם צווייטן. ביל פליט מיט אַ פאַרריסענעם עק און פלאַטערדיקע גריווע. ער איז ווילד און צעטומלט. די גאַסן דרייען זיך אַרום אים. פּאָליציי

שיסט אין דער לופטן, און ער לויפט ווייטער און ווייטער. ווער עס קומט אים אָן אין וועג, שטויסט ער אָפּ, די פּאַדקאָוועס שלאָגן פייער, פון מויל גייט אַ שוים, די ברוינע פעל זידט מיט טראָפּנס שווייס.

עס קלינגען פייערוואַגנס. פייערלעשער, ווי רויטע צערייצטע פייגל, יאָגן זיך נאָך אים. זיי צעלייגן איבערן וועג אַ לאַנגן לייטער, פאַרוואַרפן אַ שטריק אַרום זיין האַלדז און ציִען אים צו זיך. ביל איז אויסגעשעפּט פון די כוחות, ווי טויזנט בייטשן וואָלטן שטעכן זיין לייב. עס הייבט אים שווינדלען און ער פאַלט אַוועק אויף דער ערד.

ער ליגט אין אַ טשאַד, און דערהערט דאָס באַקאַנטע קול פון זיין באַלעבאָס: „בילי! וואָס ביסטו ווילד געוואָרן?” ביל שווידערט אויף. אַרום אים אַ רעדל מיט מענטשן. ער הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אַלעמען אָן מיט גרויסע אויגן, פאַרלאָפענע מיט טרערן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ און די אויגן ריידן: „עס איז פרילינג! לאָז מיך אָפּ. איך וויל צוריק צו די „פּריירים”, וווּ איך וועל קאָנען אַרומלויפן פריי איבער די זוניקע פעלדער, און אַ שטומער צער טרויערט אַרויס פון זיינע פאַרלאָפענע אויגן.

דער מילכמאַן פאַרשטייט נישט זיין שפּראַך. ער טוט אים אָן די לייצעס און פירט אים אַ געפּאַלענעם, אַ שולדיקן, צוריק אין שטאַל אַריין. ער וועט ווייטער גיין אין שפּאַן...

די פֿאַלשע קאַץ

מיט שטילע טריט איז זי געקומען און זי האָט אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. איך בין געווען אַליין אין וואַלד־שטיבל. די זון איז פֿאַרגאַנגען און פֿייגל האָבן געזונגען אַ געזאַנג צום פֿאַר־נאַכט. פֿינצטערע שאָטנס זיינען געקראָכן איבער די בערג.

די זון איז אַראָפּ הינטער די בערג. און אַ גאָלדענער לבֿנה־האָרן האָט זיך באַוויזן אויפֿן הימל.

די קאַץ איז געשטאַנען און אַריינגעקוקט דורך דער דראָ־טענער טיר. גרויע, בעטנדיקע אויגן, אין אַ קלוגן קעצישן פּנים. איך בין געווען אַליין אין דער שטילקייט. זי האָט געעפֿנט איר מויל און אַ מיאַו האָט זיך דערהערט, ווי אַ געבעט.

איך האָב געקוקט אויף איר דערשראָקן. זי האָט מיר אויס־געשטרעקט אַ פּיסל און באַלד דאָס צווייטע פּיסל. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט אין דער דראָטענער טיר, געקראַצט מיט די נעגל, און זי האָט אויסגעזען, ווי אַ קליין מענטשעלע, וואָס בעט זיך אַריינצולאָזן עס אין שטוב.

איך האָב איר אַרויסגעטראָגן אַ ביסעלע מילך. זי איז צו דעם צוגעלאָפֿן מיט איר צינגל און אויסגעלעקט ביז דעם לעצטן טראָפּן, און מאָדנע היימלעך איז מיר געוואָרן. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט לעבן דער טיר און געגומען וואַשן מיטן צינגל איר פּעל. איך האָב דערפֿילט, איך בין ניט אַליין — אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש שטייט לעבן מיין טיר.

אויף צו מאָרגנס האָב איך איר שוין אָנטקעגן געטראָגן איר פֿרישטיק, ווי מיר וואָלטן שוין לאַנג געווען גוטע־פֿריינד. זי איז מיר נאָכגעגאַנגען און געקוקט ווי זי וואָלט מיך פֿאַרשטאַנען.

איין מאָל האָט זי זיך ניט באַוויזן אין פֿרימאָרגן; דאָס שיסעלע מילך איז געשטאַנען ניט אָנגערירט. איך בין געלאָפֿן אין אַלע ווינקעלעך און זי גערופֿן אויף אַ קול, נאָר זי איז ווי פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. איך האָב געטראַכט: אפשר איז זי אַוועק אין טיפֿן וואַלד און אַ פֿוקס האָט זי פֿאַרצוקט?

איך האָב אַ גאַנצן טאָג זי אַרומגעזוכט. פאַר נאַכט האָט זי זיך ווידער באַוויזן. איך האָב זי אַרומגענומען און זי געגלעט, און איר אונטערגעטראָגן אַ שיסעלע מיט סמעטענע און ווייס ברויט, און זי האָט זיך געקאַטשעט אין גראָז פאַר נחת. זי האָט צוגעלייגט איר קעפּל צו מיין פוס פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט.

פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרן אַ היימישע אין שטוב און אין פעלד.

✶

לעבן מיין וואַלד-שטיבל איז געהאָנגען אַ נעסט אויפן הויכן בוים. די מאַמע-פויגל און דער טאַטע-פויגל האָבן געהיט זייערע פייגעלעך און געבראַכט זיי ווערעמלעך און שטרויעלעך. דאָס ערשטע מאָל האָט די מאַמע-פויגל זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. זיי האָבן אויפגעהויבן די דינע פליגל און זיך געלערנט פליִען און די מאַמע-פויגל איז געשטאַנען פון דער ווייט און זיי געהיט, און געקוואָלן פון אירע פייגעלעך.

דער טאַטע-פויגל איז געזעסן נאָך העכער אויף אַ צווייג, און געפּאַטשט מיט די פליגל, און באַשירעמט די קליינע פייגעלעך, וואָס פליִען שוין אַליין אין דער גרינער זוניקער וועלט.

ביי נאַכט זיינען די פייגעלעך צוריק אַריינגעפלויגן מיט טאַטע-מאַמע אין די נעסטן. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, די שטערן האָבן זיך ניט באַוויזן, אַלע זיינען געשלאָפן. איך האָב געהערט אַ געוויין, אַ יללה. איך בין צוגעלאָפן צו דער טיר און איך האָב דערזען די קאַץ אויפן בוים.

אירע אויגן האָבן געפינקלט מיט רויב.

אין איר פּיסק האָט זי געהאַלטן אַ לעבעדיק צאַפּלדיק פייגעלע. טאַטע-מאַמע-פייגל האָבן מיט די פליגל געפּאַטשט, און געשפּרונגען פון די צווייגן. זיי האָבן געשריגן מיט אויסטערלישע קולות, נאָר די קאַץ האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט — זי איז אַנטלאָפן מיטן לעבעדיקן פייגעלע אין די קוסטעס.

אַ גאַנצע נאַכט האָט די מאַמע-פֿויגל געוויינט נאָך איר פֿייגעלע, וואָס די קאַץ האָט עס אַ לעבעדיקס פֿאַרצוקט.

אין דער פֿרי איז די קאַץ ווידער צוגעקומען צו מיין טיר. נאָר איך האָב מער ניט געקאָנט קוקן אין איר פֿאַלשן פּנים — איך האָב זי אַוועקגעיאָגט פֿון מיין טיר.

דער איינזאַמער פיש

אין אַ קליין טייכל האָט געלעבט אַן איינזאַמער פיש. ער האָט ניט געקענט זיינע טאַטע-מאַמע און ניט געהאַט קיין חברים מיט וועמען צו שפּילן זיך אין טייך. ער פלעגט שווימען אַהין און צוריק מיט גרינע גלעזערנע אויגן, אויפלויכטן און ווידער זיך אַראָפּלאָזן צום גרונט. און אַזוי איז ער געוואַקסן גרעסער און גרעסער, און די איינזאַמקייט איז געוואַקסן מיט אים. ביי נאַכט פלעגט דער טייך אָנשעפּן ליכט פון דער לבנה און ווערן זילבערדיק צעשטראַלט, און דער פיש פלעגט נאָכלויפן דער לבנה אין טייך, און ער פלעגט פאַרצוקן אַ שטערן און בלייבן הונגעריק.

עס זיינען אָנגעקומען רעגנדיקע טעג און שטורעמדיקע נעכט. דאָס קליינע טייכעלע איז אַריבער די ברעגן, די לבנה האָט זיך אין יענע טעג ניט באַוויזן. און דער פיש האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער לבנה. ער פלעגט זי זוכן אין טייך און זי ניט געפינען. זיינע טרערן האָבן אַראָפּגעוויינט אין טייך, און דער טייך איז נאָך פולער געוואָרן, און אַרויסגעגאָסן זיך. דער פיש איז אַרויסגעשווומען אויף דער ערד און געבליבן ליגן האַלב פאַרחלשט.

ביי נאַכט האָט זיך די לבנה באַוויזן אַ צעשפּאַלטענע אין אַ האָרן און געבליצט צום פאַרחלשטן פיש. זי האָט אים געצויגן און געצויגן, ווי אויף פעדעם. דער פיש האָט איר נאָכגעהיפּט ביז עס האָט אויף אים אַ ווייַ געטאָן מיט שטורעם און מיט ווינט פון אַ גרויסן וואַסער. דאָס איז געווען דער ים.

פון וויטן האָט ער דערפילט דאָס צאַפּלעניש פון טויזנטער פיש. זיי האָבן זיך געשלענגלט, געוויקלט, געדרייט און אַנטלאָפן. זיי האָבן זיך געבאָמבלט אויף די כוואַליעס פון ים. די לבנה איז אַרויסגעשווומען איבער ים און זיך געבאָדן אין די כוואַליעס, אויפגעגאַנגען אין אַ צווייטער זייט און זיך פאַרלאָשן אין גערויש און געפּליעסק פון די צאַפּלדיקע פיש, און דער פיש איז נאָכגעשווומען דער לבנה אין ים אַריין.

און דער איינזאַמער פיש האָט דערזען אַ גאָלדן פישל אין אַ טאַנץ. ער האָט עס ליב באַקומען און ער האָט חתונה געהאַט מיטן גאָלדן פישעלע, און אַלע פיש האָבן געטאַנצט פאַר פרייד, און די לבנה האָט אָנגעוואָרפן גאָלדענע רענדלעך חתונה-מתנות, און ווען דער טאָג איז געקומען, זיינען זיי וויַיט-וויַיט אַוועקגעשוווּמען.

דער פּאַפּוגיי

אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער פֿאַרם, ווייט פֿון שטאָט, האָט געוווינט די משפּחה מ ע י. מרס. מעי, אַ שטענדיק פֿאַרהאָרעוועטע, מיט זעקס קליינע קינדער, פֿלעגט קיין מאָל ניט האָבן קיין פֿרייע מינוט. איין קינד אויף די הענט, דאָס צווייטע ביים קלייד, און דאָס דריטע הינטער זיך — איז זי אַלע מאָל געגאַנגען אַרומגע־רינגלט מיט קינדערשע געוויינען.

איין מאָל איז צו דער פֿאַמיליע מעי געקומען אַ גאַסט, אַן אַלטער פּויער. ער איז געווען איינזאַם: זיינע זין זיינען געפֿאַלן אין דער וועלט־שחיטה און זיין ווייב איז פֿאַר צער געשטאָרבן. ביי אים איז פֿאַרבליבן איין לעבעדיקער נפֿש — אַ פּאַפּוגיי. דער פּויער האָט זיך שוין געגרייט צו שטאַרבן און ער האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן אַליין דעם פּאַפּוגיי. האָט ער גענומען דעם אַלטן שטעקן, די לאַנגע פּיפּקע, אין דער צווייטער האַנט — דאָס שטייגל, און ער איז אַוועק צו מרס. מעי איר ברענגען אַ גע־שאַנק — דעם פּאַפּוגיי.

דער פּאַפּוגיי האָט געהאַט אַ געל טשוביקל און קרעלענע גרינע אויגן. זיין עק איז געווען געשטיקט פֿון רעגנבויגנדיקע פֿעדערן. אַ גרויסע פֿרייד האָט אַרומגעכאַפּט די קינדער, ווען דער פּאַפּוגיי האָט זיך באַוויזן אין הויז. די מרס. מעי, וועלכע איז געווען צוגעוווינט צו די שטענדיקע קולות פֿון אירע אייגענע קינדער, האָט פּלוצלונג דערהערט נאָך אַ קול: „פּאָלי וואָנטס אַ קרעקאַ!" מרס. מעי איז געשטאַנען אַ פֿאַרציטערטע: די שטים איז געווען פּונקט ווי די שטים פֿון אירס אַ קינד.

באַלד איז דאָס שטייגל געווען אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן מיט קינדערשע הענטלעך, און אין די קינדערשע הענטלעך זיינען געווען קרעקערס. דער פּאַפּוגיי איז געשפּרונגען אין שטייגל און מיט אַ מענטשלעכער שטים האָט ער באַדאַנקט די קינדער.

די משפּחה איז גרעסער געוואָרן. צווישן די קינדער און הינער, גענדז און קאַטשקעס איז צוגעקומען נאָך אַן אייגענער —

דער פּאַפּוגיי. דער פּאַפּוגיי האָט פאַרנומען דאָס אייבערשטע אָרט אין שטוב. אַנטקעגן שפּיגל אין גאָלד האָט זיך געשפּיגלט דער פויגל מיטן גאָלד־פעדערדיקן עק. פאַרן שלאָפן האָבן די קינדער איינגעדעקט דאָס דעכל פונעם שטייגל. דער פּאַפּוגיי פלעגט פאַרוואַרפן דאָס קעפּל אין זיינע פוכענע פעדערן. ער פלעגט איינדרימלען צוזאַמען מיט די קינדער אין אַ שטילן וואַרעמען שלאָף.

ווען די זון גייט אויף איבער די בערג און די פייגל זינגען גוט־מאָרגן דער וועלט, כאַפּט זיך אויף דער פּאַפּוגיי און ענטפערט מיט אַ האַרטן קוויטשיקן קול: „גוט־מאָרגן!" זעקס קינדערשע שטימעלעך פלעגן אים צוריקענטפערן פון די בעטלעך: „גוט־מאָרגן!". אָפט מאָל, ווען די זון פלעגט גליִען, היים מאַכן די דעכער און אויסטרינקען די קילע לופט, פלעגן די קינדער אַרויסטראָגן דאָס שטייגל אין וואַלד און עפענען דאָס טירל. דער פּאַפּוגיי גיט אַ פלי אויף אַ בוים, שפּרינגט אַרום פון צווייג צו צווייג, הייבט אויף די פליגל צום בלויען הימל און טאַנצט צוריק אַראָפּ אויף דער ערד, שפּרינגט אַריין אין שטייג אַריין.

ווי אַלט איז געווען דער פּאַפּוגיי? טייל האָבן געזאָגט: ער שטאַמט פון די אוראַלטע וועלדער, ווו די אינדיאַנער האָבן געוווינט. ער איז איבערגעגאַנגען בירושה, און דער לעצטער פאַרמער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין דור נאָך זיך, האָט אים געבראַכט אַ מתנה מרס. מעי.

אָפט, ווען די קינדער האָבן שפּאַצירט מיט דעם פּאַפּוגיי, פלעגט ער שפּרינגען פון אַקסל צו אַקסל, די הענער און הינער פון די שטייגן פלעגן אַרויסשטעקן זייערע שנאָבלען און קוואָקען צום אויסטערלישן פויגל. די הענער זיינען דערביי געווען אָנגעבלאָזענע, גרייט צו פאַרצוקן דאָס שטוב־באַשעפעניש מיט די גאָלדענע פעדערן, וואָס באַהערשט די שפּראַך פון מענטשן.

אַזוי האָט געוווינט דער פּאַפּוגיי — אַ קינד צווישן קינדער, ביז איין מאָל איז אויסגעבראָכן אַ קינדער־קראַנקייט אין לאַנד. מען האָט ניט געפונען קיין נאָמען צו דער עפּידעמיע. אָבער מען

האָט באַמערקט, אַז די קראַנקייט באַפֿאַלט די קינדער אין אַזוינע הייזער, וווּ עס געפֿינט זיך אַ פּאַפּוגיי. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז מסתּמא טראָגט דער פּאַפּוגיי מיט זיך אַזאַ מין באַציל, וואָס פֿאַרשפּרייט די קראַנקייט.

פּלוצלונג האָט דער פּאַפּוגיי באַמערקט, אַז קיינער רעדט ניט צו אים, קיינער קומט ניט צו אים נאָענט, קיינער דעקט אים ניט איין פֿאַרן שלאָפֿן.

איין מאָל אין אַ פֿאַרנאַכט האָט מרס. מעי גענומען דאָס שטייגל און עס אַרויסגעטראָגן פֿון שטוב. דער פּאַפּוגיי האָט געדרופֿן: מאַמע! מאַמע!" נאָר מרס. מעי האָט אים ניט געענטפֿערט. די קינדער האָבן זיך ניט אומגעקוקט. מרס. מעי האָט אַראָפּגעטראָגן דעם פּאַפּוגיי אין הינער-שטייג, די הינער זיינען שוין געשלאָפֿן, אויסגעזעצט אין רייען אויף דינע רונדע שטע־קנס. מרס. מעי האָט אַהין אַריינגעלאָזט דעם פּאַפּוגיי און איז צוריק אַריין אין שטוב.

ווען דאָס ליכט איז פֿינצטער געוואָרן און די קינדער האָבן זיך געלייגט אין די בעטלעך, האָבן זיי דערהערט אַ פּאַטשעריי אין שויב. דער פּאַפּוגיי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון הינער-שטייג, צוגעפֿלויגן צום פֿענצטער, געקלאַפּט מיט די פֿליגל און געפּיקט מיטן שנאָבל די שויב. ער האָט גערופֿן די קינדער ביי די נעמען, געקראַצט די שויב און געבעטן זיך מיט די פֿליגל.

מרס. מעי איז אַרויס, אים געכאַפּט אויף די הענט און צוריק אַריינגעטראָגן אין הינער-שטייג. אין דער פֿרי, ווען דאָס געקריי פֿון די הענער האָט אויפֿגעוועקט די בערג און די זון האָט אַראָפּ־געשפּאַנט אויף דער ערד, האָבן די הינער אויפֿגעעפֿנט די אייגלעך און דערזען, אַז אין אַ ווינקל איז געזעסן דאָס פֿרעמדע באַשע־פֿעניש. זיי האָבן אַלע זיך געלאָזט צו אים מיט שאַרפֿע נעגל, כּדי אויספּיקן די אויגן דעם פֿויגל, וואָס רעדט די מענטשלעכע שפּראַך. דער פּאַפּוגיי איז אַרויפֿגעפֿלויגן אונטערן דעכל און מיט שרעק געקוקט, ווי זיי אַלע אונטן שרייען און בייזערן זיך אויף אים, גרייט אים צו צערייסן אויף שטיקער. דער עלטסטער האָן

האָט זיך פאַרמאַסטן מיט זיין רויטן קאַם, זיינע פעדערן צעעפנט ווי ביי אַן אינדיק.

אַ גאַנצן טאָג איז דער פּאַפּוגיי געשטאַנען אויבן. אים איז ניט אָנגעשטאַנען, וואָס מ'האָט אים אריינגעזעצט צוזאַמען מיט הינער.

דער פּאַפּוגיי האָט זיך צוגעדעקט מיט די פליגל, ווי מיט צוויי הענט. ער האָט געבענקט נאָך די קינדער און די קינדער זיינען מער צו אים ניט געקומען. ער האָט געטראַכט פון אַמאָליקן וואַלד. ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געקענט די מענטשן. ער פלעגט פליִען פריי איבער די שפּיצן בוימער, ביז מען האָט אים געפאַנגען אין אַ שטייג. ער האָט זיך צוגעווינט צו די היימען. ווען מרס. מעי פלעגט זיין אויפן פעלד ביי דער אַרבעט, פלעגט ער באַוואַכן דאָס יינגסטע קינד, וויגן מיט אַ שטריקל אויף זיין פיסל דאָס קליינע וויגעלע, ווו דאָס פּיצל איז געלעגן. פון אַלץ איז אים פאַרבליבן דאָס שטריקל. עס פּלאָנטערט זיך נאָך אַרום זיין פיסל.

דער פּאַפּוגיי האָט געוויינט און הויך געגרופן: „מאַמע! מאַמע!" און מרס. מעי, ניט קאָנענדיק צוהערן דעם פּיין, האָט אין שטוב געוויינט, און אַלע קינדער אויף די בעטלעך האָבן געוויינט שטיל אין זיך.

די נאַכט איז געקומען. דער הימל איז געוואָרן באַשאָטן מיט שטערן. די הינער האָבן נאָך אַלץ זיך געבייזערט, און דער פּאַ־פּוגיי האָט אַלץ געוויינט: „מאַמע! מאַמע!".

אַ פויגל אַ לײדיקגײער

ס'איז געקומען דער פרילינג. די ערד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון ווינטערשלאָף. די שנייעלעך זענען צעגאַנגען, ווי טרערן אין דער פײַכטער ערד. די ביימער זענען געשטאַנען נאַקעט, דינע שפּראָצן האָבן זיך פאַרקניפּט אויף די צווייגן. דער פרילינג איז געקומען!

די אַרומיקע בערג האָבן אויפגעשאַלט מיט אַ כאָר פון פייגל. די פייגל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ צוויטשעריי צום נאַקעטן סאָד, ווו די ביימער זענען געשטאַנען אין רייען. פייגל זענען געקומען זיך בויען נעסטן. זיי זענען געפלויגן מיט פאַרטריקנטע שטרויען און ווייכער ערד אין די שנאָבלען צו באַפעסטיקן די נעסטן.

אויף די פעלדער זענען אַרום פויערים מיט אַקעראײַזנס און צעשניטן די ערד אין ווירעס. די ערד האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און זיך אַוועקגעלייגט הינטערן שאַרפ־אײַזן פונעם אַקער. זי וועט ליגן און טרינקען דעם פרישן רעגן, זיך אָנטאָן אין גרין. פון די פאַרזייטע קערנדלעך וועלן ציבעלעס אַרויסקריכן מיט גרינע פּיסקעלעך צו דער וועלט, און טאָמאַטן וועלן אויספּיקן די רויטע סאַמעטענע קעפּלעך, און קוקורוזעס וועלן צעפּלעכטן די גאָלדענע צעפּ, און די זערנע־צײַנדעלעך וועלן ווי גאָלד־האַרמאָניקעס אויסשפּילן די רײַפקייט פון זומער.

דערווײַל איז נאָך געווען פרילינג. מענטשן האָבן די האַרע־פּאַשנע הענט אָפּגעגעבן צום אַקערן און צום זייען. אויף אַ בוים איז געוואַקסן אַ נעסט. אַ מחנה פייגל האָבן אַ גאַנצן טאָג גע־אַרבעט מיט די פליגל און מיטן שנאָבל. זיי האָבן זייער ביסן אָפּגעשפּאָרט און אַרײַנגעקלעפּט די שפּייז אין קנויל פון זייער נעסט, אויף פייגלשפּראַך זיך דורכגעצוויטשערט און געבויט די נעסט אונטערן פרייען הימל.

בלויז איין פויגל האָט ניט געוואָלט בויען. ער איז געזעסן אויף אַ שפּיץ בוים און געקייט, און געקייט. די זון האָט געשײַנט,

און דער פויגל איז געוואָרן פויל צו פליִען ברענגען בלעטע פאַר אַ נעסט. איז ער שוין יאָ געפלויגן, האָט ער פאַר זיך געבראַכט אַ קערנדל צום עסן. די איבעריקע פייגל האָבן אים גערופן מיט זייער פרייקעכן געזאַנג, זיי האָבן מיט לידער געבויט די נעסטן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן מיט צענומענע פליגל אין דער לופטן, איז אַ שטרוי געווען צו שווער, האָבן זיי אין צווייען געטראָגן די לאַנגע שטרוי. ווען די נעסט וועט פאַרטיק ווערן וועלן זיי האָבן אַ היים, יעדער אויף זיין בוים. זיי וועלן פאַר טאָג אַרויס־פליִען פון נעסט און זינגען צום אויפגאַנג פון דער זון, און שפּע־טער וועלן אַרויסקומען קליינע פייגעלעך, זייערע קינדער, זיי וועלן זיי לערנען פליִען, און אַליין זיך ברענגען שפּייז.

זיי האָבן צוזאַמענגעקלעפּט די בלעטע, און די נעסט איז גע־וואָרן פאַרענדיקט. די פייגל האָבן פריילעך געפּאַטשט מיט די פליגל און געזונגען. זיי וועלן זיך קאָנען באַהאַלטן פאַר אַ בליץ, פאַר אַ דונער, און דער האָגל וועט ניט בייקומען זייער נעסט, אַזוי שטאַרק איז זי געבויט. ביי נאַכט וועלן זיי זיך פאַרקלייבן אַהין צום שלאָף, און ווען דער טאָג וועט אויפשטיין, וועלן זיי אים אַנטקעגן פליִען מיט פרייד און געזאַנג.

איין מאָל זענען זיי אַרויסגעפלויגן אין פעלד און פייגל פון אַנדערע נעסטן זענען מיטגעפלויגן אין אַ מחנה. זיי האָבן אונטערגעטענצלט אויף די פאַרזייטע בייטן און געגאַשט דאָ און דאָרט אַ קערנדל, און ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייער נעסט, איז די עפענונג געווען פאַרקלעפּט, בלויז אַ שפּאַרע איז געבליבן אָפן און איין פויגל האָט געקאָנט אַהין אַריינפליִען. דער פויגל־פּאַראַזיט האָט זיך אַהין פאַרקליבן, און ניט אַריינגעלאָזט די פייגל, וואָס האָבן געבויט די נעסט. אַ טומל איז אויסגעבראָכן אין סאָד. די פייגל פון אַלע ביימער האָבן זיך צוזאַמענגענומען און געמאַכט אַ גערוואַלד. זייערע פליגל האָבן געציטערט, די פעדערן האָבן זיך געכוואַליעט. מיט אַ צוויטשעריי זענען אַלע צוזאַמען צוגעפלויגן צו דער נעסט, ווי דורכצושטורעמען מיט זייערע שנאָב־לען דעם אַריינגאַנג, אָבער דער פויגל־פּאַראַזיט האָט בלויז אַרויס־

געשטעלט זיין פּיסקל מיט די גרינע אייגעלעך, ער האָט זיך גע־רייצט מיט זיי. ער האָט זיי פאַרמאַכט דעם אַריינגאַנג. בלויז ער אַליין וועט דאָ וווינען. זאָלן זיי זיך בויען ערגעץ אַנדערש אַ נעסט!

די פייגל זענען צוריקגעפלויגן מיט אַ געוודער. זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער נעסט. אין איין מינוט איז דער פויגל־פּאַראַזיט געווען פאַרמויערט אין נעסט, פאַרקלעפּט ווי אין קבר. ער האָט פאַרשטיקט גערופן צו זיי, אָבער די פייגל האָבן ניט געהערט — נאָר געקלעפּט און געקלעפּט. די נעסט איז געוואָרן ווי אַ האַרטער פאַרגליווערטער שטיין.

די פייגל האָבן מיט פרישן אימפּעט זיך געלאָזט צו די פעל־דער קלייבן שטרויעלעך און בלאָטע, צו בויען אַ נייע נעסט, און אַלע האָבן מיטגעהאָלפן.

אַ שנייוווייס קעצעלע

אויף די גרינע פעלדער האָט שטיל זיך געשאַרט אַ קאַץ מיט אַ גרויסן אָנגעבלאָזענעם בויך. חוהלע האָט איר אָנטקעגנגעטראָגן אַ שיסעלע מילך. די קאַץ האָט זיך אויסגעצויגן אויף די פאָדערשטע לאַפּעס, אויסגעלעקט די מילך, און פאַרמאַכט די אויגן.

די זון האָט געבאַקן, און די קאַץ איז געלעגן מיד און שווער. זי האָט געסאָפּעט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, אין דער פרי זענען געבאָרן געוואָרן זיבן קעצעלעך: איינס אַ גרוי־ווייס קעצל, צוויי מיט שטרייפן, איין ווייס מיט אַ שוואַרצן פינטל אויפן נעזל, און דריי שוואַרצע קאָטערלעך. די אַלע קעצעלעך זיינען געלעגן אונטער דער מאַמע־קאַץ און געזויגן. און די מאַמע־קאַץ האָט קיינעם ניט צוגעלאָזן צו אירע ניי־געבוירענע קעצעלעך.

אַלע קינדערלעך פון זומערלאַנד „לי־ראַ" האָבן זיך פאַרזאַמלט, און יעדעס קינד האָט געוואָלט האָבן אַ קעצעלע. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. נאָך אַ קורצער צייט האָבן די קינדער גענומען אין זייערע זומער־וווינונגען די קעצעלעך און עטלעכע מאָל אַ טאָג זיי צוגעשטעלט צו דער מאַמע־קאַץ זיי אָנצוזייגן.

חוהלע איז דעמאָלט אַלט געווען פיר יאָר. זי האָט באַקומען דאָס שנייוווייס קעצעלע מיטן חן־פּלעקעלע. זי פלעגט אַריינזעצן דאָס קעצעלע אין איר קינדער־וועגעלע, איר אַריינשטופּן אַ פלעשעלע מילך אין מויל, און שפּאַצירן מיט דעם איבערן גרינעם פעלד.

דאָס קעצעלע איז אַלט געוואָרן זעקס וואָכן. עס פלעגט שוין נאָכלויפן חוהלען און זיך פּילן מיט איר היימיש, און אַרומטאַנצן, ווען זי פלעגט איר וואַרפן אַ באַל.

עס פלעגט נאָכלויפן די גראָזשפּרינגערס און כאַפּן די שטראַלן פון דער זון, חוהלע האָט אָנגעהאָנגען אַ גלעקעלע מיט אַ רויט בענדעלע אויפן האַלדז פונעם קעצעלע, כּדי עס זאָל ניט פאַרלוירן גיין.

נאָכן שיינעם זומער האָבן אַלע קינדערלעך געדאַרפט צוריק־פאָרן אין שטאָט. אָבער וואָס טוט מען מיט די קעצעלעך? די קינדער זיינען באַשטאַנען מיטצונעמען די קעצעלעך מיט זיך אין שטאָט אַריין, נאָר די עלטערן זיינען געווען קעגן. אין די ענגע ניו־יאָרקער דירות וואָלטן די קעצעלעך געווען איבעריקע קוואַרטי־ראַנטן. האָבן די מאַמעס באַשלאָסן, אַז די קינדער זאָלן אַוועק־שענקען די קעצעלעך צו די פּאַרמערס אין דאָרף. זומער וועלן די קינדער צוריקקומען און אָפּנעמען די קעצעלעך.

די קינדער האָבן געפאָלגט די עלטערן, נאָר חוהלע האָט זיך נימ געוואָלט שיידן מיט איר קעצעלע. זי האָט עס אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אויף די הענט און עס געקושט, און גערעדט צו דעם, ווי עס וואָלט פאַרשטאַנען, אָבער די מאַמע האָט דאָך אויסגעפירט, און חוהלע האָט זיך געדאַרפט שיידן מיטן קעצעלע.

זיי האָבן זיך גענומען געזעגענען. דאָס קעצעלע איז געלעגן אויף דער שוועל, די אייגעלעך האָבן שטום געבעטן: לאָז מיך נימ איבער צווישן פרעמדע מענטשן, נעם מיך מיט זיך, חוהלע! איך וועל דיך היטן לעבן דיין בעטעלע, איך וועל פּויזן מיט זיידענע טריט, דיך נימ אויפוועקן פון שלאָף, לאָז מיך נימ איבער דאָ אַליין.

חוהלע האָט צום לעצטן מאָל זיך געבעטן ביי איר מאַמען — אָבער עס איז געווען אומזיסט: אין שטאָט איז נימ געווען קיין פּלאַץ פאַרן קעצעלע.

★

דאָס שנייווייס קעצעלע איז פון פּאַרמערס הויז צוריקגע־לאָפן צו חוהלעס שטיבל. די טירן זיינען געווען פאַרשלאָסן, און די פענצטער פאַרהאַקט. נאָר אויפן שוועל איז געשטאַנען אַ שי־סעלע מיט מילך. דאָס קעצעלע האָט זיך נימ צוגערירט צו דער מילך. עס האָט געמיאַוקעט און גערופן חוהלען אַ גאַנצן טאָג, ביז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. די שטערן זיינען אַרויס אויפן הימל, די לבנה איז אויפגעגאַנגען, און שנייווייס קעצעלע האָט

געמיאַוקעט צו די שטערן: אפשר ווייסן זיי — פאַר וואָס חוהלע איז אַוועקגעפאָרן און זי איבערגעלאָזט אַליין? אין דער פרי איז שנייוויים קעצעלע צוגעגאַנגען צום וועג, ווו דער בריווטרעגער ברענגט די פאָסט. פון בריווקעסטל איז נאָכגעהאַנגען אַ בלייער מיט פּאַפּיר.

דאָס שנייוויים קעצעלע האָט באַשלאָסן, זי וועט אָנשרייבן אַ בריוועלע צו חוהלען און עס אַוועקשיקן מיט דער פּאָסט. זי האָט אַ פיר געטאָן אויפן בריוועלע אַהין און אַהער. דער פּאָסטמאַן האָט צוגענומען דאָס בריוועלע און שנייוויים קעצעלע האָט זיך אַוועקגעלייגט וואַרטן.

אַ טאָג און אַ נאַכט, און חוהלע איז ניט געקומען. האָט שניי־וויים קעצעלע גענומען וואַנדערן און זוכן. זי איז געגאַנגען און געגאַנגען איבער וועגן און פעלדער, נאָר אַ קעצעלע האָט דאָך אַ קעצישן מוח, האָט זי צו ביסלעך אין חוהלען פאַרגעסן.

דער ווינטער איז אַוועק, און ווידער איז דער זומער געקומען, חוהלע איז צוריקגעקומען מיט אירע עלטערן אין זומערלאַנד „לי־ראַ". לעבן דער שוועל איז געשטאַנען אַ גרויסע ווייסע קאַץ מיט אַן אָנגעבלאָזענעם בויך. חוהלע איז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. איז דאָס מיין שנייוויים קעצעלע?

— יאָ, האָט געענטפערט איר מאַמע, אַזוי גייט עס מיין טעכטערל; דיין וויים קעצעלע ווערט אַ מאַמע — זי וועט אין גיכן געבוירן קעצעלעך.

און חוהלע איז געשטאַנען און געשטוינט: וואָס איז געוואָרן פון איר שנייוויים קעצעלע?

די שטאָלענע נעסט

האַרבסט איז געקומען. ווינטן האָבן געפייפט, שטויבן האָבן געטאַנצט און דער הימל איז געווען גרוי ווי בלעך. מענטשן האָבן זיך אָנגעטאָן מאַנטלען, און ביימער האָבן די לעצטע בלעטער צו־געהאַלטן, זיי זאָלן ניט בלייבן נאַקעט, אויסגעטאָן צו די ווינטן.

אַ מחנה פייגל האָבן זיך צוזאַמענגענומען און זיך געלאָזט אויפן הימל צום דרום. אַ גרויסער שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן, די בליצן האָבן געשניטן די וואָלקנס, צעשפּאָלטן די מחנות פלי־ענ־דיקע פייגל און זיי צעוואָרפן אין פאַרשידענע זייטן, זיי צוזאַמענ־געשליידערט, און ווידער צעטיילט. די מחנות פייגל זיינען מיטן שטורעם פאַרטראָגן געוואָרן צו דער שטאָט ניו־יאָרק.

ווען דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט איז אַרויס אַ גאָל־דענע זון. די פאַרבלאָנדזשעטע פייגל האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ הויכן וואָלקנקראַצער: אַרבעטער האָבן געבויט דעם שטאָ־לענעם גיגאַנט, זיי האָבן געטראָגן דורך שלעפּליטערס צעמענט, שטאָלענע שטאַנגען, ציגל און ברעטער.

מיטאָגצייט פלעגן די אַרבעטער זיך אַוועקזעצן אויף די שטאָ־לענע שטאַנגען און עסן זייער מאָלצייט, פאַרריסן זייערע קעפּ נאָך העכער — צום הימל, צו דער זון.

אויף יענער זייט הימלקראַצער האָבן זיך אָפּגערוט די פייגל, מידע פון שטורעם און פון בלאָנדזשענדיקע וועגן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, געזוכט אַ צווייג, אַ בוים וווּ אָפּצורוען די פאַר־מאַטערטע פליגל. אָבער נישטאָ קיין ביימער, נאָר פאַבריקן. די אַרבעטער, וואָס זיינען געזעסן און געגעסן, האָבן זיי צוגעוואָרפן ברעקלעך. די פייגל זיינען צוגעפלויגן צו די ליידיקע ראַמען, אויפ־געקליבן די ברעקלעך, זיך אָפּגערוט אויפן שטאָלענעם לייטער פונעם הימלקראַצער און מיט פייגלשע אייגעלעך געקוקט צום האַרבסטיקן הימל פון ניו־יאָרק.

די פייגל האָבן מידע איינגעדרימלט אויפן הימלקראַצער אונ־טערן געקלאַפּ און גערויש פון מאַשינען.

אין דער פרי זיינען זיי אויפגעשטאַנען מיטן געזאַנג פון פעלד. זיי האָבן געשמעקט דעם פייכטן טוי, זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און זיך דורכגעזונגען אויף זייער שפּראַך. אָבער געענטפערט האָט זיי ניט דער עכאָ פון פעלד, נאָר דאָס רעדלען פון באַנען, דאָס ריטשען פון טראַמווייען און דאָס פייפן פון פאַבריקן.

זיי האָבן שוין פאַרלוירן דעם וועג צו די וואַרעמע לענדער. דער הונגער האָט זיי געטריבן צו זוכן שפּייז און בויען אַ נעסט. דער טאַטע־פויגל איז אַראָפּגעפלויגן דער ערשטער זוכן אין קאַלטן ניו־יאָרק אַ זאַנג, אַ שטרוי פאַר אַ נעסט. ער איז געפלויגן פאַרביי די פענצטער פון די שעפער. אַנשטאָט געזאַנג פון פייגל, האָבן געברילט מאַשינען, דער טאַטע־פויגל איז צוריקגעקומען צו דער מאַמע־פויגל. אין מויל האָט ער געטראָגן אַ גלאַנציקע שפּילקע מיט אַ שאַרפן שפּיץ אין איין זייט און מיט אַ רונד קיילעכדיק קעפּל אין דער צווייטער זייט: אַ פאַרגליווערטע זאַנג, אַ פאַרפרוירענע זאַנג. דער פויגל האָט עס אַוועקגעלייגט צו אירע פיס און איז ווידער אַוועקגעפלויגן צו זוכן זאַנגען פאַר זייער נעסט.

די מאַמע־פויגל איז אים נאָכגעפלויגן. צוזאַמען זיינען זיי צוריקגעפלויגן צום הימלקראַצער און יעדער האָט געטראָגן אַ פאַרגליווערטע זאַנג אין שנאָבל. אויפן הימלקראַצער איז געוואַקסן אַ גלאַנציקע נעסט און זיך געשפּיגלט אַנטקעגן דער זון.

אויף דער צווייטער זייט האָבן די אַרבעטער געבויט ווענט פאַרן הימלקראַצער. די שפּיצן האָבן זיך געטורעמט העכער און העכער צום הימל, ביז איין מאָל האָבן די אַרבעטער באַמערקט אַ גלאַנציקן קנויל פון שפּילקעס, צוזאַמענגעקלעפּטע מיט זאַמד און בלאָטע. זיי האָבן אים אַראָפּגעריסן.

צוויי פייגל זיינען צוגעפלויגן לעבן דעם אָרט און מיט די פליגל געפּאַטשט אין דער ליידיקייט, ווו זייער שטאָלענע נעסט איז געהאָנגען, ווו זייער נייע נעסט איז צעשטערט געוואָרן.

די ביידע פייגל האָבן זיך אויפגעהויבן צו די נאַקעטע וואָלקנס, צום פאַרוואָלקנטן רוים — און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער ליידיקייט.

די זקנה מיט די פייגל

אַ מאָל איז געווען אַן אַלטע פרוי, אַ זקנה. זי האָט געוווינט אײנע אַליין לעבן אַ וואַלד. דאָס הויז איז געווען זייער אַלט, אָבער שטאַרק, מיט אַ סך פענצטער צו דער זון און מיט קליינע שמאָלע גאַניקלעך.

לעבן הויז איז געווען אַן אַלטער ברונעם מיט פריש וואַסער. איבערן ברונעם איז געהאָנגען אַן אייזערנער ראָד, און אויף אַ קייט, ווי אויף אַ וואָג, האָבן זיך געוויגט צוויי עמערס.

אַ מאָל האָט זי געהאַט זין. זיי זענען אַוועק אויף פרעמדע ימען. זיי זיינען געוואָרן פישערס און מאַטראָסן און קיין מאָל זיך ניט צוריקגעקערט אַהיים.

די אַלטע פרוי האָט זייער געבענקט נאָך אירע קינדער. יעדן פרילינג, ווען פייגל קערן זיך אום פון די וואַרעמע לענדער, שטייט זי ביים פענצטער און מיינט, אַז אירע קינדער קערן זיך אום צו איר.

די זקנה האָט ליב געהאַט די פייגל. אַלע פרימאָרגן פלעגט זי אַוועקשטעלן אַ שיסעלע וואַסער און קרישקעס ברויט. די פייגל פלעגן אַרויפפליִען אויף איר גאַניקל, טרינקען דאָס פרישע וואַסער, עסן דאָס ברויט און אָנהייבן בויען די נעסטן אַרום איר דאַך.

די גוטע שכנים פון טאָל פלעגן זי באַזאָרגן מיט שפּייז, מיט קאַרטאָפל, עפּל און מילך. אָט אַזוי האָט זי געוווינט אין שטילקייט און איינזאַמקייט. האַרבסט האָבן די ביימער געביטן די פאַרבן, דער וואַלד איז געוואָרן איינגעהילט אין גאָלדענע בלעטער, די פייגל האָבן זיך פאַרזאַמלט איבער איר דאַך און אָפּגעפלויגן איבער די בערג צו די וואַרעמע לענדער. די זקנה האָט זיי נאָכגעקוקט מיט טרויער און געמורמלט צו זיי: „פייגעלעך, פליט געזונט און קומט צוריק צו מיר. אויב איר וועט זען אַ פישערשיף, רוט זיך אָפּ אויף איר דעק, און זוכט מיינע זין, און ברענגט מיר אַ גרוס פון זיי".

און ווידער איז געקומען דער פרילינג. די זקנה שטייט און

וואַרט אויף די פייגעלעך און זי רעדט: „פייגעלעך מײַנע! האָט איר באַגעגנט אויף די ימען מײַנע קינדער? דערציילט מיר פון זיי״!

די פייגל צעזינגען זיך, זיי פאָכען מיט די פליגל, ווי זיי וואָלטן געבראַכט אַ גרוס פון די וואַרעמע לענדער.

איין מאָל איז געווען אַ שרעקלעך קאַלטער ווינטער. שניי־זאַווערוכעס האָבן אײַנגעהילט דאָס הויז. אָפט האָט די אַלטע פרוי ניט געקאָנט אַרויס פון שטוב. אַ מאָל פלעגט אַ שכן אָנקלאַפּן אין איר טיר און ברענגען שפּײַז.

די זקנה פלעגט וואַרטן אויפן פרילינג און קוקן צו די בערג, פון וואַנען די פייגעלעך דאַרפן זיך אומקערן צוריק אַהיים.

נאָכן שווערן ווינטער איז ווידער געקומען דער פרילינג.

די זקנה איז געוואָרן שוואַך און מיד, זי האָט גענומען אַ קריי־געלע וואַסער אין איר אַלטער האַנט, און צוגייענדיק צום פענצ־טער, האָט זי זיך אַ גליטש געטאָן און איז אומגעפאַלן אויפן דיל.

זי האָט דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטיק און געוואָלט זיך אויפהייבן און ניט געקאָנט. זי האָט ביטער געקרעכצט. וואָלט איר עמעץ כאָטש דערלאַנגט אַ לעפעלע וואַסער צו באַנעצן די ליפּן.

פאַר טאָג איז אויפגעגאַנגען די זון. די פייגל האָבן זיך צו־ריקגעקערט פון די וואַרעמע לענדער. זיי זײַנען צוגעפלויגן צום גאַניק, נאָר די שיסעלעך זײַנען געווען ליידיק.

דער עלטסטער פויגל איז אַרויף אויף אַ בוים און אָנגעזאָגט געפאַר. די גוטע זקנה איז ניטאָ ביים פענצטער. ער האָט גערופן, אַז אַלע פייגל זאָלן זיך אויסשפרייטן אויפן גאַניק, לעבן פענצטער, און קלאַפּן מיט די פליגל אין די שויבן. דער גאַניק איז געוואָרן שוואַרץ פון פייגל. די וועוריקלעך האָבן אָנגעהויבן שפרינגען. די בלעטער האָבן זיך געשושקעט: געפאַר, געפאַר!

אַ מענטש איז דורכגעגאַנגען. ער האָט קיין מאָל ניט געהערט אַזאַ טומל, אַז אַלע פייגל זאָלן שרייען צוזאַמען. ער איז צוגע־

גאַנגען צום פענצטער און אַרייַנגעקוקט. ער האָט דערזען די זקנה ליגן מיטן לײדיקן קריגל אויפן דיל.

ער האָט אויפגעריסן די טיר און מיט אים זיינען די פייגל אַרייַנגעפלויגן אין שטוב. ער האָט גענומען וועקן די זקנה. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען מורמלען:

זי דאַרף אָנגיסן די שיסעלעך מיט פריש וואַסער...
זי דאַרף אָנגרייטן זערנעס...
זי דאַרף זיי אַנטקעגנגיין...
אירע קינדער קומען אַהיים...

דער שכן האָט זי אַװעקגעזעצט אויף אַ שטול און דערלאַנגט איר אַ טרונק וואַסער. די פייגל זיינען אַרויסגעפלויגן און עס האָט זיך דערהערט אַ כאָר-געזאַנג. זיי האָבן נאָך קיין מאָל אַזוי שיין ניט געזונגען. דאָס געזאַנג האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן הימל, מיטן פרילינג. און גאָט אַליין האָט געעפנט אַ פענצטערל אין הימל און אַרויסגעשיקט אַ שטראַליקע זון, זי זאָל באַשיינען די ערד מיט גוטסקייט פאַר אַלץ וואָס לעבט.

פרילינג

דער ערשטער ווארעמער פרילינגטאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פול מיט זון און שטראַלן איבערן הויף, ווו חוהלע האָט געוווינט. קיין בלעטל האָט זיך ניט גערירט פון ערשט־אויפשפּראָצנדיקן בוים. די פענצטער צום גאסן־אַספּאַלט זיינען געווען פול מיט ליכט.

חוהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פּיאַנע צו פּראַקטיצירן מאָצאַרט. זי האָט זיך געדאַרפט צוגרייטן צו אַ קאָנצערט. אירע פינגער האָבן אַ ציטער געטאָן איבער די קלאַווישן. דער קלאַנג איז אַרויסגעפלויגן דורכן אָפענעם פענצטער און זיך אָנגעשלאָגן אין אַ גרעזל.

ווי אויפגעכאַפּט פון פאַרחלשטקייט האָט זיך דאָס גרעזל אַ ציי געטאָן צום קלאַנג און דער קלאַנג איז אַנטלאָפן צו אַ צווייטן און צו אַ דריטן גרעזל, די גראָזן האָבן זיך געסודעט, און שוין זיינען די קלאַנגען געפלויגן צו די קוסטעס און אריינגערוישט, און ווי פון דרימל האָבן זיך די קוסטעס צעציטערט. דורך די אָפענע פענצטער זיינען די קלאַנגען געפלויגן — און זע, אַ פויגל מיט צענומענע פליגל פליט גלייך צום פענצטער, ווי דער קלאַנג וואָלט אים גערופן אין אַ פאַרכישופטן קרייז.

אַרום אָפענעם פענצטער פלאַטערן זומער־פלאַטערלעך צום ריטעם פון מאָצאַרטס קלאַנגען. מענטשן גייען פון דער אַרבעט מיט טרוקענע פּנימער און פאַרחלשטע ליפּן און די קלאַנגען פליִען זיי אַנטקעגן.

חוהלע שפּילט. איר איז ניט היים. די פינגער טאַנצן אויף די קלאַווישן. אַ פייגעלע שוועבט אין דער לופטן און הערט. אַ קעצעלע דרימלט אין הויף און שמייכלט. אַ טייבעלע גריסט מיט די פליגל און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן גראָז. און חוהלע שפּילט...

ס'איז פרילינג. זי איז יונג, זי וועקט די גאַס, דעם הימל, די גראָזן, די פייגל מיטן כישוף פון מאָצאַרטס קלאַנגען; דער קאָמפּאָזיטאָר איז ניטאָ, אָבער דער ניגון שוועבט אין דער לופט און רופט צו אַלץ, וואָס לעבט און פילט: ס'איז פרילינג! פרילינג!

II

דאָס קליינע ייִנגעלע

אויף אַ גרינעם פעלד, אין אַ געל שטיבל, מיט אַ שוואַרצן געהאַרבעטן קוימען, האָבן געוווינט צוויי קליינע מענטשן. די גרויס ווי פערטל מענטשן, מיט גרויסע אַלטע קעפּ און קלוגע אויגן. זיי זיינען געווען מאַן און ווייב. זומער קלויבן זיי שוואָמען אין וואַלד, ווינטער מאַכן זיי פּאַפּירענע בלומען, און פון דעם האָבן זיי זיך דערנערט.

ווער עס פלעגט פאַרבייפאָרן דאָס שטיבל האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און קוקן אויף די צוויי שטילע קאַרליק־מענטשן, וואָס זיצן ביינאַנד ווי צוויי קינדער. און ביי זיי איז עס געבוירן געוואָרן דאָס קליינע ייִנגעלע. דאָס ייִנגעלע האָט געהאַט אַ קליין קעפּעלע, און קליינע דינע הענטעלעך, און נאָך קלענערע און דינערע פיסע־לעך. ווען הימל איז געווען בלוי, פלעגן זיינע אייגעלעך זיך בלויען, ווען הימל איז געווען וואָלקנדיק, פלעגן זיי זיך גרויען, און ווען נאַכט איז געווען, זיינען זיינע אייגעלעך געווען שוואַרץ.

און דאָס ייִנגעלע איז פאַרבליבן קליין און ניט געקאָנט ריידן. ער האָט ניט געהאַט מיט וועמען זיך צו שפּילן און פלעגט זיצן איינער אַליין אויף אַ בענקעלע אין גאַס און זוכן מיט די אייגעלעך. דערפאַר האָבן אים פייגל און וואַלד־חיהלעך פאַרשטאַנען, און זיי פלעגן קומען צו גאַסט און ריידן מיט אים אין זייער שפּראַך, און דאָס ייִנגעלע פלעגט שמייכלען. ווען טאַטע־מאַמע פלעגן גיין קלייבן שוואָמען, איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים. אַלע פייגעלעך האָבן אים באַוואַכט און געזונגען לידער. אין אַ שיינעם טאָג פלעגן זיי זינגען פון גרינע פעלדער פול מיט זאַנגען, ווו פייגל האָבן זאַט צום עסן און צום שפּייזן די קינדערלעך. ביים ייִנגעלע פלעגט דאָס האַרץ וואַקסן פון פרייד. אין אַן אומעטיקן טאָג פלעגן זיי אויס־וויינען דאָס געוויין פון די פייגל־מאַמעס, וואָס טראָגן אין די שנאָבלען זייערע קראַנקע פייגעלעך, און פאַרלאָזן די נעסטן, און ציִען אין די ווייטע לענדער. אויפן וועג באַפאַלן זיי ווינטן פון אַלע ווינקלען, ווי ווילדע הינט, און רייסן אַרויס מיט געוואַלט זייערע

קינדער און שליידערן זיי אַרונטער. ביים יִנגעלע פלעגן די אויגן פול ווערן מיט טרערן. ער פלעגט טראַכטן: ער האָט באַדאַרפט געבוירן ווערן אַ פייגעלע און האָבן פליגל צו פליִען, און ניט זיין אַ קליין יִנגעלע.

און איין מאָל, ווען די זון האָט באַגילט מיט איר גאָלד די ביימער, איז ער אַוועק אין וואַלד. די זון האָט זיך שנעל געאײַלט צו אַנטלויפן און איבערגעלאָזט הינטער זיך שוואַרצע שאָטנס, און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען.

די פייגל האָבן אים אויפגענומען מיט פרייד און געזאַנג, די ביימער האָבן אים גערופן, און ער איז אַוועק טיפער און טיפער אין וואַלד. אַנטקעגן די הויכע ביימער איז ער געווען אַזוי קליין. זיינע דינע פיסעלעך האָבן אים אָנגעהויבן ווי טאָן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען הינטער אַ שירעם-בוים, זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין אַ שטיק הימל און אַרויסגעפּיקט פון דאָרטן שטערנדלעך. און נאַכט איז געוואָרן, ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין טיפער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. דער וואַלד האָט געטומלט, און ער איז ווייטער געגאַנגען. די פייגעלעך האָבן אים נאָכגעהיפּט, די שלענגעלעך נאָכגעקראָכן, די ווערוריקלעך נאָכגע־טאַנצט, און אים איז געווען זייער פריילעך. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן טאַטע-מאַמע, געוואָלט צוריקגיין צו זיי. הינטער אים איז געשטאַנען אַ גרויסע שוואַרצע וואַנט מיט ביימער, און ער האָט ניט געזען דעם וועג צוריק.

ווען טאַטע-מאַמע זיינען אַהיימגעקומען און ניט געפונען זייער יִנגעלע, זיינען זיי אַוועק אין וואַלד אים זוכן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געזוכט. פאַר טאָג זיינען זיי אַהיימגעקומען. די פייגל האָבן מער ניט געזונגען אַרום הויז. זיי האָבן געשטומט מיט אַראָפּ־געלאָזטע פליגל. די גראָזן און בלימלעך זיינען געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ. אין די שויבן איז אויפגעגאַנגען די זון, ווי אַ גרויס האַרץ.

ערגעץ ווייט האָט זיך געטראָגן אַזאַ רוף, ווי פון אַ שיף,

אָדער פון אַ פאַסטעכל, וואָס רופט די שעפעלעך אַהיים, אָדער פון אַ קינד וואָס זוכט דעם וועג און קאָן אים ניט געפינען. נאָר ביי נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע האָבן ניט אויפגעהערט צו שאָקלען די קעפ אין געוויין, האָט אַ פייגעלע אָנגעקלאַפּט אין שויב, טאַטע־מאַמע האָבן געעפנט דאָס פענצטערל, דאָס פייגעלע האָט אָנגעהויבן פאָכען מיט די פליגל, געוווּנקען מיט די געלע אייגעלעך און גערופן. זיינען זיי אַרויס נאָכן פייגעלע אין נאַכט אַריין, אין טיפן וואַלד אַריין, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ וויטן אָרט. די פייגל זיינען געשלאָפן, דער וואַלד האָט געדרימלט, און טאַטע־מאַמע זיינען צוגעפאַלן צום יִינגעלע, און זיך געפרייט מיט אים, און צוזאַמען געגאַנגען אַהיים.

מ אַ י ק

אויף אַ גרינעם סאַמעטענעם פעלד שטייט אַ פאַרם. רויטע ציגלנע הייזער, אַרומגערינגלט מיט שלאַנקע טאָפּאָלן. צוקאַפּנס פון גרויסן הויז הייבט זיך אַ הויכער באַרג מיט וועלדער, וואָס וואַקסן, ווי איינער אויפן צווייטן. צופוסנס ליגן פעלדער געגאַפּלטע אין סטעזשקעס. ביי די זייטן פון הויז שטייען רויטע שייערן מיט פריש געשניטן היי. אויף די לאָנקעס פאַשען זיך קי און פערד. אויפן פאַרם אַרבעט אַן אַלטער קנעכט מיטן נאָמען מאַיק. ער איז ניינציק ווינטערן אַלט. זיין גוף איז איינגעשרומפּן, די פיס זיינען קרומלעכע, דאָס פּנים איז צעקנייטשט, דאָס מויל — אַ קלאַמקע אָן ציין, אין מויל דרימלט אַ לאַנגע ליולקע, זי גרייכט ביז זיינע קני. עפּעס קינדישס און מאַלפּישס איז פאַראַן אין זיין אויסזען. ער אַרבעט שוין פינף און דרייסיק יאָר אויפן פאַרם, אַקערט און זייט יאָרן נאָך יאָרן. פאַר זיין מי קריגט ער אַ געלעגער און דאָס עסן.

מאַיק האָט זיין אייגענע וועלט דאָ אויפן פאַרם. מיט די שווערע יאָרן, וואָס האָבן געבויגן זיין גוף, האָט ער מער קיין שווערע פעלדאַרבעט ניט געקאָנט טאָן, האָט מאַיק באַשטעלט אייער פון וווּנדערלעכע טראָפּישע פייגל, פערציק טעג זיי געבריט אונטער עלעקטרישע שטראַלן, און עס האָבן זיך אויסגעפּיקט פיצעלעך פייגעלעך, פון פערציק אייער זיינען בלויז צוועלף געבליבן לעבן. מאַיק האָט פאַר זיי אויסגעבויט אַ צווייגנשטייג און זיי טאָג און נאַכט געהיט, געקאָרמעט זיי מיט קערנער. זייערע פעדערן זיינען זיך צעוואַקסן אין שירעם־עקן און זיי האָבן ליב געהאַט צו עסן פון מאַיקס גוטע הענט.

דער זומער האָט זיך צעבליט. אין דער הייסער זון האָט מאַיק שפּאַצירט מיט זיינע פאַזאַנען, זיי פלעגן פינטלען מיט די רויטע קאָראַלן־אייגעלעך און טאַנצן אַ רעגנבויגנדיקן פעדערטאַנץ.

מאַיק האָט אויך אויסגעשניצט אַ טויבנשלאַק און אויסגע

בריט מילכווייסע טויבן, ער האָט אויסגעכאָוועט געַנדז און הינער. ער איז ארומגעגאַנגען מיט אַ בינטל שליסלען אויפן בויך פון שטייגל צו שטייגל און געקאָרמעט זיינע פייגל. זיי פלעגן אים אַנטקעגן טאַנצן מיט די שלאַנקע געלע פיסלעך און פיקן די שפייז פון זיינע הענט. זיין אַלט ציינלאָז פּנים פלעגט לויכטן פון פרייד. ער האָט זיך געפילט ווי אַ קיניג אין זיין פייגלשן קיניגרייך.

אויך זינגפייגל האָט מאַיק פאַרנאַרט אויף זיינע ביימער. ער פלעגט די ביימער באַשיטן מיט קערנער, די זינגפייגל פלעגן דאָרט בויען זייערע נעסטן, און זינגענדיק, פיקן שפייז פון מאַיקס הענט.

אויך בלומען האָט מאַיק ליב געהאַט. ער האָט זיי פאַרזייט אין רייען און באַגאָסן מיט וואַסער, זיי זאָלן עפענען דאָס פענצ־טערל פון דער ערד און אַ קוק טאָן אויף אים מיט די „פאַרגעס מיך ניט”־אייגעלעך. אויך די בלומען האָבן צו אים גערעדט אויף זייער בלומענשפּראַך און בלויז מאַיק האָט זיי פאַרשטאַנען.

און נאָך איין נאָענטן חבר האָט מאַיק געהאַט: אַ שוואַרצן הונט מיקי. ער פלעגט שלאָפן אויפן דיל לעבן זיין בעט און גע־האָרכט צו זיין אָטעם. זיין צאָפּלדיקער גוף איז שטענדיק געווען וואַך. ער האָט געהערט אין שלאָף צי קיינער קומט ניט צו די פייגל, צי קיינער באַטרעט ניט מאַיקס קיניגרייך.

איין מאָל האָט מאַיק ניט געקאָנט אויפשטיין פון זיין געלע־גער, דאָס מויל האָט זיך פאַרקרימט, די שפּראַך איז אים אַנטרונען פון זיינע ליפּן, אַ שטאַרקער ווייטיק איז אים אַריין אין אָרעם.

מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל. עס איז שוין געווען פינצטער ווען דער אַמבולאַנס איז געקומען פון אַ דערבייִיקער שטאָט. ווען מען האָט אים אויפגעהויבן אויפן טראָגבעט, איז מיקי נאָכגעלאָפן. דאָס טירל פון אַמבולאַנס האָט זיך האַסטיק פאַרקלאַפּט און מיקי איז געבליבן אין דרויסן. דער אַמבולאַנס איז געפלויגן איבער די נאַכטיקע וועגן, אַ גלאָק האָט געקלונגען, און מיקי איז נאָכגעפלויגן נאָכן ליכט, וואָס האָט געשלונגען שטיקער נאַכט, ביז דאָס געקלאַנג איז פאַרלוירן געגאַנגען ערגעץ אין דער נאַכט. מיקי האָט זיך אומגעקערט אַ דערשלאָגענער און

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט די פֿאָדערשטע לאַפּעס אויפֿן וועג, און געוואָיעט, און געוויינט ווי אַ קינד.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געטראָגן אַזאַ געיאָמער, אַזאַ הינ־טישער צער נאָך מאַיקן, און מאַיק איז ניט געקומען צוריק צו זיין חבר מיקין. צען טעג און צען נעכט איז מיקי געלעגן. ער האָט פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ, אויסגעשטרעקט זיין צונג, קיין שפּייז ניט גענומען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער זיך אַ טרייסל טאָן, זיך אויפֿשטעלן און זיך איינהערן צו דער ווייט, און ווידער פֿאַר־לייגן דעם קאָפּ און וויינען נאָך זיין האַר.

אויך די זינגפֿייגל האָבן מער ניט אַזוי געזונגען אויף דיביימער ווי פֿריִער, און האָט אַ פֿויגל זיך צעזונגען, איז עס געווען ענלעך צו אַ קלאָגן.

די זון האָט געשיינט, די טייכן זיינען געלאָפֿן, טעג האָבן זיך געביטן אין נעכט — און מיקי האָט געטרוימט וועגן זיין האַר.

איין מאָל איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין פֿאַרגליווערניש, ער האָט געשמעקט דעם אָטעם פֿון די וועגן און געלאָפֿן אַנטקעגן דעם ווייטן שליאַך און געבילט צו די אַרומיקע בערג, ווי ער וואָלט געפֿילט די טריט פֿון מאַיקן.

מיט דער שנעלקייט פֿון אַ פֿייל איז ער אַ שפּרונג געטאָן. אַנטקעגן אים האָט זיך געשאַרט די איינגעבויגענע געשטאַלט פֿון מאַיקן.

מיקי איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף אים, ער האָט זיך איינ־געקנוילט אין זיינע פֿיס, געלעקט זיין צעקנייטשט פּנים. דער הונט האָט אים צוגעפֿירט צום הויז.

ווען די טויבן האָבן דערהערט מאַיקס טריט, זיינען זיי אַראָפּ־געפֿלויגן פֿון טויבנשלאַק גלייך אויף זיינע אַקסל אַרויף און גע־פּאַטשט מיט די פֿליגל פֿאַר פֿרייד. די פֿאַזאַנען האָבן געעפֿנט זייערע שירעם־עקן אין אַ רעגן־בויגן, צעשויבערט די קרוינען־ קעפּ־לעך און אַנטקעגן געטאַנצט מאַיקן.

די זינגפֿייגל האָבן אויפֿגעזונגען אין די צווייגן, די בלומען

האָבן געעפנט זייערע פאַרשמאַכטע ליפּן און טרייקע טרערן האָבן געציטערט אין זייערע אויגן.

און מאַיק, דער גוטער אַלטער מאַיק, איז געפאַלן אויף די קני און געקושט די ערד, ווו די פייגל זיינען געשטאַנען. ער האָט אויפגעהויבן די דאַרע אויסגעאַרבעטע הענט און אַזוי געזאָגט:

— קינדערלעך מיינע, פייגל מיינע, איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט מיך צוריקגעבראַכט אַהיים, איך זאָל נאָך זען מיט מיינע אויגן די זון און די פייגל, די טויבן און מיין געטרייען חבר מיקי. איך האָב ניט געהאַט קיין אייגענע קינדער, זייט איר מיינע אמתע קינדער.

די פייגל האָבן אים צוגעשאָקלט מיט די ווונדערלעכע עקן און ווער עס האָט צוגעזען דאָס באַגעגעניש, האָט געוויינט פאַר פרייד.

די זון איז פאַרגאַנגען. באַגאָסן מיט איר ליכט מאַיקן מיט זיין ווונדערלעכן קיניגרייך. די פייגל זיינען אים נאָכגעגאַנגען, די טויבן האָבן אים נאָכגעפּאָכט מיט די פליגל, דער הונט מיקי האָט אים געהיט יעדן שפּאַן — ער וועט מער קיין מאָל מיט זיין האַר זיך ניט צעשיידן.

דאָס קאַרטאָפל־ייִנגעלע

אַ מאָל איז געווען אַ גרינער זומפּ, מיט אַ געדיכטער בלאָטע. זשאַבעס פלעגן קוואַקען אין זומפּ און וויינען ביי נאַכט צו די שטערן, און קיינער פלעגט ניט צוקומען נאָענט צום זומפּיקן פּלאַץ. מען האָט מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט. דער זומפּ פלעגט עפענען זיין שוואַרצן פעכיקן מויל און איינשלינגען די שטיוול, ווי נאָר אימיצער האָט זיך דערנעענטערט צו אים.

באַם ברעג זומפּ איז געווען אַ קליין אינדזעלע, די גרויס ווי אַ ריזיקע שוואָם. אויפן אינדזעלע איז געוואַקסן אַ בלימל מיט אַ ווייסן דינעם צווייט. דאָס איז געווען אַ קאַרטאָפל־געוויקס. דאָס קאַרטאָפעלע האָט איינגעגראָבן דאָס פּנימל אין דער ערד און שטיל געוויינט: אַלע קאַרטאָפעלעך בליִען אויף אַ ברייטן פעלד, עס קומען מענטשן מיט וואַרעמע הענט און צעגראָבן די ערד, און מאַכן ווייך דאָס געלעגער, מאַכן פּלאַץ צום אָטעמען, און איך, אָרעם קאַרטאָפעלע, בלי איינע אַליין אויף אַ זומפּיקן אָרט צווישן קוואַקעדיקע זשאַבעס.

דאָס קאַרטאָפעלע האָט געוואָלט זיין גלייך מיט אַלע קאַר־טאָפל, געוואָלט אויפבליִען. שיין און קרעפטיק, געוואָלט, מען זאָל עס אַרויסנעמען פון דער ערד און עס ברענגען ערגעץ אין אַ היים.

אָבער דער זומפּ איז געווען ווי אַ פעסטונג, און קיין מענטש־לעכער פוס איז ניט צוגעקומען נאָענט צום קאַרטאָפעלע.

עס האָט ניט געהאַט קיין גליק. האָט עס געטראַכט וועגן ביטערן גורל: ווי לאַנג נאָך וועט עס זיין אַזוי אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט? ווי לאַנג נאָך וועט עס זיין אַן אָפּגעזונדערטע און פאַרשטויסענע? ווו זיינען אירע אַלע שוועסטערלעך קאַר־טאָפל מיט די ווייסע צעפלעך? פאַר וואָס קומט איר צו זיין איינע אַליין אין אַ גרויסן זומפּ?

און אָט איז אַוועק דער זומער. די זשאַבעס זיינען אַנדרימלט געוואָרן, די זון איז אַוועק אין די וואַרעמע לענדער און האָט

איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גאָלדענעם שאָטן. דערפילט איין מאָל דאָס קאַרטאָפעלע אַ מענטשלעכע האַנט. די שוואַרצע האַנט האָט עס אַ ריס געטאָן, דאָס קאַרטאָפעלע האָט זיך אויסגעטשוכעט, אָפּגעטרייסלט פון זיך די בלאָטע, און דער מענטש האָט עס באַהאַלטן ביי זיך אין בוזים-קעשענע. דעם קאַרטאָפעלע איז גע־וואָרן זייער וואַרעם פון מענטשלעכן האַרץ.

דער שוואַרצער מענטש האָט עס געבראַכט אַהיים צו זיין ווייב, אין שטוב איז טאַקע ניט געווען וואָס צו עסן, ווייל דער מענטש האָט שוין לאַנג ניט געאַרבעט, און זיין ווייב האָט באַ־דאַרפט געבוירן אַ קינד. זיי האָבן אויפגעזאָטן אַ טאָפּ וואַסער און דאָס קאַרטאָפעלע האָט גענומען אַ הייסע באָד. עס האָט זיך געוואָרפן און געציטערט, ווייל דאָס וואַסער איז געווען צו היים.

מען האָט עס אַרויסגענומען אויף אַ ריינעם, ווייסן טעלער, מאַן און ווייב האָבן עס געגעסן און עס איז געוואָרן אוים קאַרטאָפל.

אַ וואָך שפעטער האָט דאָס נעגער-ווייב געבוירן אַ קליין נעגערל, און עס איז געווען געראָטן אין קאַרטאָפעלע, אַ געשמאַק יינגעלע. דאָס יינגעלע האָט געבראַכט פרייד מיט זיין קומען אויף דער וועלט. דער טאַטע האָט געקראָגן אַרבעט אויף אַ פעלד צו אַקערן און צו זייען, און זיין מאַמע האָט געקראָגן מילך און קאַר־טאָפל צו זעט, און ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר האָט אים די מאַמע אויסגעפלאָכטן שוואַרצע צעפעלעך. און ער איז געווען אַ גרויסער עסער — גיב אים וואָס מער קאַרטאָפל! און ער האָט געהאַט פולע בעקעלעך, און פינקלדיקע אייגעלעך, ווי שוואַרצע שטערנדלעך, און צוליב דעם וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ אַפּעטיט, און רק געגעסן קאַרטאָפל, האָט מען אים גערופן: קאַרטאָפל-יינגעלע.

און איר ווייסט, קינדערלעך? איך האָב אים אַליין געזען, ער איז געשטאַנען אַ באָרוועסער אויף אַ פעלד, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קאַרטאָפל אין דער שאָלעכץ און געקייט אויף ביידע באַקן. נאָר ווען ער האָט דערזען מיין בליק, האָט ער זיך פאַרשעמט און געלאַכט צו מיר מיט ווייסע ציינדעלעך, אַ געזונט אין זיינע ביינדעלעך!

שוואַרצאַפּל

שוואַרצאַפּל האָט דערזען די וועלט אין אַ פינצטערן קעלער, הינטער אַ סאַבוויי. דער גערויש פון די באַנען האָט פאַרשריגן זיין ערשט געשריי. ער איז געבוירן געוואָרן בלוי ווי טינט. די מאַמע איז געלעגן מיט אויגנדעקלעך שוואַרץ באַדעקט, ווי מיט שטיקער נאַכט...

איבער זיי איז אַנגעגאַנגען דער גאַנג פון טאָג: פוסגייער, באַנען, אויטאָמאָבילן, די קלאַפּעניש און טומלעניש אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד. די עכאָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין דער נידער צום קעלער, וואָס איז געווען צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער ערד. דאָס פענצטערל, וואָס האָט אָפּגעטיילט נאַכט פון טאָג איז אַרוים קעגן אַן אַנדער פענצטערל, און אַלע פענצטערלעך זיינען געווען פאַרברודערט, און אַלע פענצטער האָבן געבענקט, די זון זאָל זיך אין זיי אָפּשפּיגלען און דער טאָג זאָל אויפגיין דורך זיי.

אַ פּאָר טעג נאָך זיין קומען אויף דער וועלט האָט אים זיין מאַמע איבערגעגעבן צו דער עלטסטער זעקסיאָריקער מיידעלע, זי זאָל איבער אים וואַכן און אים קאָרמענען מיט פלעשלעך ווייסע מילך. זיין פאָטער איז פאַרשאָטן געוואָרן גראָבנדיק די שוואַרצע טונעלן פון די סאַבווייס, און זיין מוטער האָט געחלומט, אַז איר שוואַרצאַפּל זאָל אויסוואַקסן אַן אַנדערער, אַ שטאַרקער, אַ פרייער. זי וועט אים ניט אָפּגעבן דער ערד.

זי איז אַוועק צו איר טעגלעכער אַרבעט און די קינדער האָט זי געלאָזן זאָרגן ווען זיך אַליין. די קינדער האָבן געקוקט אויף שוואַרצאַפּלען, ווען ער פלעגט בריקען מיט די פיסלעך, און קאַר־טשען זיך אין קראַמפּן. זיי האָבן אים דעמאָלט פאַרשטאָפּט דאָס מיילכל מיטן פלעשל מילך. שוואַרצאַפּל פלעגט זיך אָפּקערן נאָך מיט אַ גרעסערן געשריי, אַזוי אַז אַלע קינדערלעך האָבן זיך צע־וויינט און צעיאָמערט פאַרלוירענע אין איינעם מיט זייער הילפ־לאָזן ברודערל. ביי נאַכט איז זיין מאַמע צוריקגעקומען אַהיים

אַ מידע פון אַ שווערן טאָג אַרבעט, האָט זיך שוואַרצאַפּל שוין אָפּגעוווינט פון איר און יעדער, ווער עס האָט זיך נאָר געבויגן איבער אים און אים גוט געמאַכט דאָס געלעגער, איז געווען זיין מאַמע.

דער ווינטער איז געקומען: די קעלער־שטוב ווערט פייכט און קלעפּיק, פון סטעליע רינט אַריין. די קינדער ליגן קראַנק אין די בעטן. שוואַרצאַפּל וויינט, קומט אַריין אַ שכניש קינד, הייבט אים אויף, ווי אַ ליאַלקע, און שוואַרצאַפּל מאַכט צו די אייגעלעך און שלאָפט איין.

✶

טעג זיינען ענלעך צו וואָכן און פאַרוואַנדלען זיך אין חדשים. זיין מאַמע אַרבעט אַלע טאָג, זי קומט אַהיים אַ מידע, אַן אויסגע־לאַשענע, ווי אַ קויל. שמייכלט שוואַרצאַפּל צו איר מיט זיין ליידיק מיילכל. קושט זי אים אויס די הענט און פיס, דערוואַרעמט אים די פאַרפרוירענע אברים, אַזוי ביז אין דער פרי, ווען דער טאָג וועט זי ווידער אַוועקטראָגן אין אַ פרעמדן הויז צו פאַרדינען ברויט פאַר אירע קינדער. נאָר איין טאָג אין דער וואָך איז געווען אַ גליקלעכער — דער זונטאָג־טאָג. שוואַרצאַפּלס מאַמע גייט נישט דעמאָלט אין פרעמדע הייזער, נאָר ראַמט איר אייגן שטיבל און פאַרגרייט פאַר אַ גאַנצער וואָך דאָס נייטיקסטע פאַר די קינדער.

שוואַרצאַפּל פלעגט קוקן צום פענצטערל, וואָס האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון אַ טאָג, וואָס וואַרט הינטערן פענצטערל און קאָן נישט אַריין... דאָס קינד קוקט מיט אויפגעריסענע אייגעלעך צום פאַס ליכט, וואָס רייסט זיך אין פינצטערן שטיבל אַריין. עס איז געווען אַ שווערער ווינטער. די פרעסט זיינען געקומען מיט זילבערנע שטיוול און געשפּאַנט איבער דער שטאָט און געבליצט מיט זייערע שפּאָרנס, די שויבן פאַרצויגן מיט פראַסטיקע צווייגן, און דער הימל, ווי אַ גרויע בלעך, האָט געשאָטן מיט זילבערנע פונקען שניי.

שוואַרצאַפּלס אויגן ווייסלען זיך, ווי דער טאָג זאָל גאָר זיין

אין אים, און רייסט זיך דורך אים, ווי דורך ווייסע שייבעלעך. די איבעריקע קינדער שפּילן זיך מיט אים. ער קאָן שוין שמייכלען און ווייזט מיטן הענטל אַהין צום פּאַס ליכט, וואָס רייסט זיך אין פינצטערן שטיבל אַריין. זיינע פיסלעך זיינען שוואַך, ער קאָן זיך ניט שטעלן אויף זיי. די ביינער — ווייך ווי טייג. די פייכטקייט איז אַריין אין זיינע גלידער, און ער, פון אי רבלייַיקייט, האָט נישט געקאָנט אויפהייבן די פיסלעך צום גיין... זיין מאַמע איז אין פרעמדע שטיבער, וואַשט די דילן און פוצט די פענצטער, וואַשט וועש פאַר אַנדערע קינדער, און אירע קינדערלעך זיינען שמוציק, נאַקעט און הונגעריק.

✶

אין די רייכע שטיבער זיינען געהאָנגען בילדער מיט לאַנד־שאַפטן, וועלדער און בערג, לאַנדשאַפטן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט דער וואַרעמקייט פון מאָלערס הענט, מיטן סוד פון אייביק לעבן.

שוואַרצאַפּלס מאַמע, שטויבנדיק די ראַמען, קוקנדיק אויף זיי, חלומט צו נעמען אירע קינדער אויף אַ גרינעם פעלד און זיי אָנטרינקען מיט הימל און זון, מיט דער זון, וואָס וואַרעמט אוים די ערד און ציט אוים די ביימער.

און אַזוי זיינען געגאַנגען טעג און יאָרן. שוואַרצאַפּל איז אַלט געוואָרן דריי יאָר. דאָס אונטערערדישע שטיבל איז טרוקענער געוואָרן, אַ נייער פרילינג האָט אַרויסגעצויגן די פייכטקייט פון די ווענט. נאָר די שטאָט האָט געפּלאַסטערטע אַספאַלטן, די ערד איז אויסגעפרעסט און קאָן ניט גרינען, רייסט זי זיך אין די טיפע־נישן און קאָן ניט דערהערט ווערן. שוואַרצאַפּל האָט זיך געצויגן צום בלויען פּאַס ליכט, וואָס האָט ליכטיקער אַריינגעשיינט דורך זיין פענצטערל. זיין קאָפּ איז געוואָרן גרויס ווי אַ קירבעס, די פיס־לעך נאָך דינער און זיך ניט געהויבן צו גיין. נאָר דאָס הענטעלע האָט געצויגן צום פּאַס ליכט.

גייט איין מאָל זיין מאַמע אַהיים, ווי אַלע מאָל, אַ מידע מיט

אויסגעוווייקטע הענט פון וואַשן. זי גייט לאַנגזאַם. זי פילט אַ שטעכעניש אין האַרצן, רוט זי זיך אָפּ לעבן די קראָמען. די שויפענצטער זיינען פול מיט אַל דאָס גוטס. אַלץ קען מען קויפן — און בלויז פאַר צען סענט: איין זעקעלע פאַר צען סענט, איין הענטשקע פאַר צען סענט, פאַרשיידענע נאַשערייען. זי שלינגט אַלץ מיט די אויגן. איר בליק פאַלט אויף אַ בילד: אַ בלויער ים מיט אַ בלויען הימל, אין מיטן — אַ שיף, וואָס וויגט זיך אויף זוניקע כוואַליעס, ווי דער ים וואָלט ברענען. זי קוקט זיך איין און זעט זיך אויף דער שיף מיט שוואַרצאַפּלען און מיט די איבע־ריקע קינדערלעך, זיי פאָרן צו אַ ליכטיק לאַנד, זיי זיינען ניט צעטיילט. זי נעמט אַרויס פון איר פאַרדינסט צען סענט, זי וועט קויפן דאָס בילד און עס ברענגען אַהיים, עס אויפהענגען אויף דער וואַנט אַנטקעגן שוואַרצאַפּלען. זי וועט אַריינברענגען דעם הימל אין איר קעלער אַריין.

ווען זי באַצאָלט פאַרן בילד, פרעגט זי דער פאַרקויפערין אויב זי מאַכט ניט קיין טעות, ווייל זי האָט געזען אַזעלכע בילדער אויף די רייכע ווענט, און זיי קאָסטן, זאָגט מען, אַ סך מער. די פאַרקויפערין פּאַקט עס איין שמייכלדיק און דערלאַנגט עס איר פאַר די צען סענט... מיט פאַמעלעכע טריט דערשלעפּט זי זיך אַהיים. ווען זי שפּרייזט אַראָפּ די הילצערנע געפלאַכטענע שטיגן, וואָס פירן צום אונטערערדישן שטיבל, בייגט זיך איר פּלייצע, זי עפנט די טיר.

שוואַרצאַפּל איז געווען אַליין. עס איז געווען פינצטער. קיין לאָמפּ האָט ניט געברענט. די איבעריקע קינדער זיינען געווען ביי די שכנים. שוואַרצאַפּלען האָט אַרומגענומען אַזאַ מורא — אַלע האָבן אים פאַרלאָזן אין דער פינצטערניש, זיין מאַמע וועט מער ניט צוריקקומען, אַ שרעק ווייעט פון אַלע ווינקלען. ער וויל זיך צעוויינען, נאָר פּלוצלונג — וואָס איז דאָס? אין דער פינצטערניש הייבט אָן פון ערגעץ אויפגיין אַ בלויע ליכטיקייט — אַזאַ בלויקייט וואָס באַהאַלט זיך הינטער יענער זייט שויב, אַ רויטע זון גייט אויף.

שוואָרצאַפּל ציט אויס אַ פּיסל, בייגט עס אַריבער פון בעטל, לאָזט נאָך דאָס צווייטע, שטרעקט ווידער אויס דאָס ערשטע, און טרעטנדיק אויף דער ערד, גייט ער וואַקלענדיק אַנטקעגן דער בלויקייט, מיט דערשטוינונג און פרייד, און שפּאַנענדיק אַזוי מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך און ציטערדיקע פיסלעך אין דער פינצטערער שטוב, ביז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער גרויסער געשטאַלט פון זיין מאַמען מיטן בלויען בילד אין האַנט. זי האָט אים איינגעקלאַמערט אין אירע גרויסע הענט און דער הימל האָט אַראָפּגענידערט אין פינצטערן קעלער אַריין.

די געשיכטע פון דזשינגאָליי

מאָטעלע איז געוואַקסן זייער אַ ווילד יינגל. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער נאָר טראַכטן ווי אָנצוטאָן שאָדן. ער האָט פיינט געהאַט צו לייענען אַ בוך. בלויז ליב געהאַט צו שפּילן פוטבאָל, קלעטערן אויף די העכסטע ביימער, אַראָפּשפּרינגען אויף דער ערד, וואַרפן שטיינער אין די שויבן, פיינט געהאַט צו גיין אין שול.

די מאַמע פלעגט מיט אים איינטענהן: זע, מאָטעלע, אַלע קינדערלעך פון אונדזער גאַס לערנען שוין דעם אַלף־בית, גייען ביי טאָג אין שול אַריין, וואָס וועט פון דיר אויסוואַקסן?

די מאַמע פלעגט אים איינקויפן פאַרשידענע קינדערשע ביכער, מיט שיינע אילוסטראַציעס און בילדער, אָבער מאָטל פלעגט זוכן אומעטום אַלטע אַוועקגעוואָרפענע „פּאַנים" מיט די ווילדע אינ־טערלישע פּנימער, און פון דאָרטן פלעגט ער לערנען די אַלע קונצן, ווי צו צעשטערן לעבעדיקע זאַכן.

ער פלעגט אַ וואָרף טאָן דעם באַל, אַז די שויבן פלעגן ציטערן. אַ זעץ טאָן מיט זיין פוס, אַז דאָס מעבל פלעגט אויפשפּרינגען.

ווען דער זומער איז געקומען, פלעגט מאָטעלע אַוועקפאָרן מיט זיינע עלטערן אין זייער זומערהיים. די מאַמע פלעגט מיט־נעמען די אַלע ביכער, די ניטגעלייענטע, און זיי אויסשטעלן אין ביכער־שראַנק, אָבער מאָטל פלעגט אויך דאָ ניט עפענען די ביכער, מאָטל האָט ניט געהאַט קיין געדולד, ער פלעגט אָנפּאַקן פולע קעשענעס מיט שטיינדלעך און וואַרפן זיי גלאַט אַזוי אין הימל אַריין, אויף לעבעדיקע באַשעפענישן: אויף פייגעלעך און ווערעמלעך.

די מאַמע, אַ וויינענדיקע, פלעגט זיך ביי אים בעטן: מאָ־טעלע, קום עסן! אָבער מאָטעלע מוז קריכן אויף אַלע צווייגן, ער מוז פון אַלע עפּלביימער אַראָפּשאָקלען די נאָך ניט רייפע עפּלעך, ער מוז עפּעס טאָן, ער האָט נישט קיין צייט, ער האָט פיינט צו לייענען אַ בוך.

עס איז אַוועק דער זומער. מאָטל איז געוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט — אַ געזונטער יונג, נאָר דאָס קעפּל איז געוועזן פּוסט, אַזוי ווי ביי אַ ליידיקן אַרבוז, און די אַלע ביכער זיינען געבליבן ניט געלייענטע אין דער זומערהיים, און מאַמעלע מיט די עלטערן זיינען צוריקגעקומען אין שטאָט.

✶

האָט אין פעלד געלעבט אַ מייזעלע, אַ פעלדמייזעלע, האָט מען עס גערופן. האָט דאָס מייזעלע אַרומגעשטיפט דעם גאַנצן זומער, אָבער ווינטער איז עס אַריין דורך אַ שפּאַרע אין מאָטעלעס זומערהיים. עס האָט זיך אַרומגעקוקט אין די ליידיקע צימערן. קיין שפּייז איז ניט געווען, אַלץ איז געווען אויסגעליידיקט, נאָר אויף די פּאָליצעס זיינען געשטאַנען אַ סך ביכער. האָט דאָס מייזעלע זיך אַוועקגעשטעלט לייענען די נעמען פון די שרייבער, טייל נעמען מיט גאָלדענע אותיות, טייל מיט זילבערנע אותיות. צייט האָט דאָס מייזעלע געהאַט גענוג, דער ווינטער איז לאַנג, האָט עס זיך אויסגעקליבן מאָטעלעס בוך, וואָס די מאַמע האָט אים געקויפט אַ מתנה, וואָס ער האָט אַפילו די בלעטלעך ניט אויפגעריסן.

אין דרויסן פאַלט אַ ווייסער שניי. ער פאַלט און פאַלט פון הימל, דעקט צו די ביימער און די פעלדער. עס איז שטיל, אַ ווייסע שטילקייט. און מייזעלע לייענט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, עס וויל וויסן, וואָס מענטשן טראַכטן, וואָס מענטשן פאַרשרייבן אויף ווייסע בלעטער. עס לייענט און לייענט, וויל כאָטש אַ ביסל קלוג ווערן אַזוי ווי אַ מענטש, און די געשיכטע פון דזשינגאַליי ציט זיך שוין טויזנט יאָר, און מייזעלע איז הונגעריק נאָך וויסן. בייסט זי איין בלאַט נאָך בלאַט, אות נאָך אות, מיט די ווייסע שפּיציקע ציינדלעך: זי וועט ווערן דאָס קליגסטע מייזעלע אויף דער וועלט.

אַזוי איז אַוועק דער ווינטער, דער ווייסער שניי איז צע־

גאַנגען, די ביימער האָבן אָפּגעוואָרפן פון זיך די שנייִיקע פעלצן, די אייז־לאָקשן האָבן נאָכגעלאָזט פון די פאַרפרוירענע שויבן, די זון האָט געלאַכט צו דער שיינער וועלט.

מאָטעלע מיט די עלטערן זענען אַרויסגעפאָרן אין אַ זונטיק אַ קוק טאָן אויף זייער זומערהיים.

ווען זיי האָבן אויפגעשלאָסן די טיר זיינען אַ סך צעביסענע און צעריסענע בלעטער געלעגן אויפן דיל. די מאַמע האָט אַ זאָג געטאָן אַ צופרידענע: זעסט, מאָטעלע! דו האָסט ניט געוואָלט לייענען דאָס מעשׂהלע, די געשיכטע פון דזשינגאָליי, האָט אַ קליין פעלדמייזעלע עס דורכגעלייענט.

מאָטל האָט זיך זייער פאַרשעמט, און באַשלאָסן, אַז פון היינט און ווייטער וועט ער פאָלגן זיין מאַמען, און לייענען די ביכלעך און ניט לאָזן זיי פאַר די מייז.

אַ יִנגל, ווי מאָטל, דאַרף זיין קליגער, ווי אַ נאַריש מייזעלע.

פ ר י י ד ע ל ע

פריידעלע איז אַכט יאָר אַלט. איך האָב זי באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל אין די בערג. גלייך ווי זי איז אַראָפּ פון דער מאַשין, האָט זי גענומען לויפן איבער די פעלדער. זי האָט אָנגעריסן געל־בלויע־בלימלעך, זיך פאַרפלאָכטן אַ קראַנץ אַרום די האָר, אַ ריס געטאָן זיך צום פעלד און גענומען טאַנצן. זי האָט געטאַנצט, און די וועלט האָט מיטגעטאַנצט מיט איר. די בערג האָבן זיך גע־וויגט, די ביימער האָבן געשפּילט אויף די צווייגן־האַרפן. אירע האָר צעפלויגן, איר קליידעלע, ווי אַ ראָד, און די פיסלעך, ראָזע און שלאַנקע, זענען געשפּרונגען, ווי אין דער לופט, זיי האָבן ניט אָנגערירט די ערד. זי האָט געשוועבט, איר פּנים פאַרגאָסן מיט ליכט און זון. טאַנץ, טאַנץ, מיידעלע, דיין נאָמען איז פריידעלע!

אַלע אינדערפרי איז זי מיר אַנטקעגן געקומען, אָנגעטאָן אין אַ זיידן העמדל, און מיט צעשפּרייטע הענט געטאַנצט צו דער זון: גוט־מאָרגן דיר, וועלט! גוט־מאָרגן אייך, פייגעלעך! און אַז אינעווייניקסטע זון פלעגט אַרויסלייכטן פון איר פּנימל, פון אירע אייגעלעך. אַ זון־מיידעלע, אַ ווינט־מיידעלע. אַרום איר האָבן פייגל געטאַנצט פון בוים צו בוים, פלאַטערלעך — פון בלום צו בלום, און פריידעלע מיט צענומענע הענט, צעפלויגענע האָר האָט אויס־געטאַנצט די פרייד.

ביי נאַכט, ווען די זון פלעגט זיך גרייטן צום שלאָף און דאָס געקלאַנג פון גלעקער אויף בהמהשע העלדזער האָט צעוויגט דעם פאַרנאַכט, איז פריידעלע געשטאַנען אויפן פעלד איינע אַליין. זי שוועבט אין אַ שלאָף־טאַנץ. די הענט שווימען נידעריקער, נידע־ריקער, ווי צו איינוויגן אַלץ צום שלאָף. זי איז דעמאָלט פאַר־שמאָלצן געוואָרן מיט דער זון, וואָס איז אַוועק הינטער די בערג, אַ פאַסטעכל האָט ערגעץ ווייט אויף אַ פייפל געפייפט, און פריי־דעלע איז אַוועק שלאָפן.

פריידעלע איז קיין מאָל פריִער ניט געווען אויף אַ פעלד, ווו מען זעט דעם הימל קיילעכדיק און בלוי. זי איז אויסגעוואַקסן

צווישן שטיינערנע מויערן אין שטאָט. זי האָט בלויז אין די ביכער געזען ווונדערלעכע פייגל. אָבער דאָ האָט זי זיי אַנטדעקט אין לעבן. פלעגט די זון אויפשטיין אין פרימאָרגן, פלעגט פריידעלע איר די ערשטע אַנטקעגן טאַנצן מיט אַ קראַנץ בלומען, נאָך פייכטע פון נאַכטיקן טוי. אַזוי האָט זי אויסגעטאַנצט דעם שענסטן זומער פון אירע אַכט יאָר.

דער זומער האָט זיך געענדיקט, מענטשן זענען צוריקגע-פאָרן צו די שטאָטישע היימען. פריידעלע האָט זיך געזעגנט מיט דער זומער-וועלט און געקומען אין שטאָט. זי איז אַוועק מיט אַנדערע קינדער אין שול. אין קאָפּ האָט זי נאָך געזען די בערג. נאָר פריידעלע איז געוואָרן בלאַסער און בלאַסער. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף אירע פיס. איר פּנימל איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ וואָלקן, אירע פיס זענען געוואָרן שווערער און בלײַיקער, זי האָט געפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין רוקן, און ווען דער שפּיטאָל-דאָקטער איז געקומען, האָט ער פעסטגעשטעלט די שווערע קינ-דער-קראַנקייט — „אינפאַנטייל פּאַראַליסים".

פריידעלע ליגט אין שפּיטאָל. אַרום איר — אַ סך קראַנקע קינדער, נאָר איר ליכטיק פּנימל זעט זיך אַרויס. זי ליגט אומבאַ-וועגלעך, ווי אַ שווערע מויער וואָלט געלעגן אויף איר גוף. נאָר אירע אויגן ריידן: — וועט זי נאָך קאָנען טאַנצן? וועט זי נאָך זען די פייגעלעך? די בלומען?

פריידעלע, דו וועסט קאָנען טאַנצן. דו וועסט געזונט ווערן, צוריקקומען צום פעלד, צו די ביימער, צו די פייגעלעך. זיי וועלן דיך אויפנעמען מיט געזאַנג. דער זומער וועט קומען, בלומען וועלן וואַקסן פאַר דיינעטוועגן, זיי וועלן זיך לאָזן אויסרייסן פון דיינע פינגערלעך, דו וועסט זיי אַרומקראַנצן אַרום דיינע האָר, דו וועסט טאַנצן! די זון וועט דיר אויסוואַרעמען דיינע פיס, און דו וועסט ווידער ווערן אַ פעלד-מיידעלע. וויין ניט, וויין ניט, פריידעלע.

און פריידעלע מאַכט צו די בלויע אויגן. שטיל ווערט אין שפּיטאָל, ווייס און שטיל.

דאָס ייִנגעלע פֿון ראַק־היל

אַ הייסער זומערטאָג האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אויף ניו־יאָרק. די זון האָט אָנגעגליט אַלע דעכער, טראָטוואַרן. די געפּלאַסטערטע אַספּאַלטן האָבן זיך געשמאָלצן. עס האָט אויסגעפּעלט לופֿט. מענטשן זײַנען אַוועק, ווער צום ים, און ווער אין די בערג. דאָס ייִנגעלע, מיט זײַנע טאַטע־מאַמע, איז געקומען קיין ראַק־היל.

די זון איז אויפֿגעגאַנגען איבער די גרינע־בלויע בערג. אין אַ פֿײַערדיקן רויטן באַלאָן. דאָס ייִנגעלע מיטן רויטן קאָפּ האָר האָט דאָס ערשטע מאָל געזען די בערג. ער איז געשטאַנען אין מיטן פֿעלד און באַוווּנדערט, ווי די בערג נעמען זיך אַרום פֿאַר די הענט און קײַטלען זיך אין אַ פֿײַערדיקן ראָד.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער געזען קי און קעלבער. אין ניו־יאָרק האָט ער זיי געזען בלויז אויף בילדער.

ער איז געבוירן געוואָרן צווישן שטיינערנע הײַזער. פֿענצטער אויף פֿענצטער, און די הײַזער פֿאַרשטעלן דעם הימל. און דאָ, אין פֿעלד, לויפֿט ער אַרום פֿון בוים צו בוים. ער איז אַ פֿעלד־ייִנגעלע און ער וואָלט דאָ געוואָלט וווינען אַ גאַנץ יאָר.

ייִנגעלע איז אַוועק אין וואַלד שפּאַצירן און פֿאַרלוירן דעם וועג צוריק. די מאַמע האָט זיך געכאַפּט, אַז איר ייִנגעלע איז ניטאָ, איז זי אַרויס אויפֿן פֿעלד און גערופֿן: ייִנגעלע מײַנער, קום אַהיים! ווּ ביסטו?

דער עכאָ פֿון די בערג האָט איר צוריקגעענטפֿערט. זי איז געלאָפֿן איבערן פֿעלד — אַ שאָטן צווישן שאָטנס. זי האָט געשריגן, און מענטשן פֿון אַנדערע פֿאַרמס זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן, נאָר קיינער האָט ניט געזען איר ייִנגעלע.

אַ שוואַרצע כמאַרע איז אַראָפּגעפֿאַלן איבער ראַק־היל, כאָטש די נאַכט, אַ שטערנדיקע, מיט טיפֿע בלישטשענדיקע דימענטן און אַ גאָלדענע לבנה, האָט אַראָפּגעקוקט אַ לאַכנדיקע אויף ראַק־היל. די שכנים פֿון ראַק־היל זײַנען געקומען מיט לאַמטערנעס, מיט שוואַרצע רעגן־מאַנטלען, אין לאַנגע הויכע גומענע שטיוול און

געלאָזט זיך אין טיפן וואַלד זוכן דאָס פאַרלוירענע יינגעלע. זיי האָבן גערופן: יינגעלע, יינגעלע! אָבער בלויז די בערג האָבן גע־ ענטפערט מיט נאַכטיקע קולות. אַזוי איז אַוועק די נאַכט, און דאָס יינגעלע איז ניט געווען. פאַר טאָג האָבן הענער געקרייט, מידע האָבן זיך די פאַרמערס צוריקגעקערט אַהיים, און דאָס יינגעלע איז ניטאָ.

די מאַמע קאָן שוין מער ניט וויינען. זי רייסט די האָר, זי רייסט פון זיך די קליידער. פון לעיק־מאַהאָנק קומען שפּירהינט. מען זוכט אין ברונעם, מען נישטערט אין טייך, מען זוכט יעדעס ווינקל, ווו אַ מענטשלעכער פוס קאָן גרייכן. אומזיסט — דאָס יינגעלע איז ניטאָ.

און ווו איז דאָס יינגעלע?

דאָס יינגעלע איז אַוועק קלייבן יאַגדעס אין וואַלד. ער איז טיפער און טיפער אין וואַלד אַריין. ער גייט און גייט. ער זעט שפּיצן פון דעמבענעביימער, ער הערט געזאַנג פון פייגל, ווי פידלען וואַלטן שפּילן.

ער האָט נאָכגעפייפט מיט זיינע ליפּן נאָכן פויגל־געזאַנג. ער איז שוין געווען טיף אין וואַלד און געוואָלט צוריקגיין, נאָר דער וועג איז געווען פאַרשטעלט מיט הויכע ביימער. ווו איז דער וועג צו זיין מאַמען?

זי וועט דאָך וויינען. ער מוז קומען אַהיים. די פיסלעך הייבן אים אָן ווי טאָן. און ווי ער גייט אַזוי אַליין אין וואַלד, זעט ער די לבנה שווימט אַפער, ווי אַ גאָלדן קישעלע, און ער איז אַזוי מיד. בייגט ער זיינע פיסלעך און עס דאַכט זיך אים: ער שלאָפט איין אויפן גאָלדן לבנה־קישעלע.

אים חלומט זיך, אַז העזעלעך קומען אַרויס פון זייערע באַ־ העלטענישן, וועווריקלעך שפּרינגען אַראָפּ פון די ביימער, אַלע הערשעלעך לויפן אַרויס פון די היילן, מאַכן אַ פייער, און די שלאַנגען פאַרשווינדן, און דאָס יינגעלע ווערט אַ וואַלד־יינגעלע. אַלע וואַלדפייגל קומען זיך עצהן מיט אים, ווייל ער איז אַ קלוג יינגעלע, ער פאַרשטייט זייער שפּראַך. זיי ברענגען אים

מתנות: האַרנס צום שאָלן, צווייגן צום שפּילן, און דאָס ייִנגעלע שפּילט פֿאַר זיי. און די העזעלעך טאַנצן אַרום פּייער אַ האָזן־טאַנץ, און די פֿייגעלעך — אַ פֿויגל־פֿליגל־טאַנץ, און די וועוועריקעלעך קושן זיך, און ווען אַלע ווערן מיד, לייגן זיי זיך שלאָפֿן לעבן ייִנגעלע, און דאָס פּייערל שלאָפֿט איין.

דאָס ייִנגעלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ גרויסער ריזיקער הונט. מיט אַ רויטער צונג אין אָפֿענעם מויל.

ער הערט — מען שיסט. אַהאַ! טראַכט דאָס ייִנגעלע, אַ האָלד־אָפּ מאַכט מען אויף אים. און ער זעט: מענטשן רינגלען אים אַרום, דער הונט מאַכט מיטן וויידל און האַווקעט. ער הייבט אויף זיינע הענט: ער איז שוין אַ געפֿאַנגענער. די מענטשן פֿרעגן אים, אויב ער איז דאָס פֿאַרלוירענע ייִנגעלע. ענטפֿערט ער: ניין, ער איז ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען. ער איז בלויז געגאַנגען אין וואַלד.

פּלוצלונג כאַפּט זיך דאָס ייִנגעלע, אַז ער האָט פֿאַרלוירן זיין היטעלע. בעט ער די מענטשן, זיי זאָלן אים העלפֿן זוכן זיין היטעלע. אַניט וועט זיין מאַמע שרייען. די מענטשן זאָגן אים, אַז מער ווי אַ מעת־לעת ווי ער איז אַוועק.

די מענטשן האָבן אים געטראָגן אַהיים צו זיין מאַמען. אַלע האָבן געוויינט פֿאַר פֿרייד, וואָס זיי האָבן אים געפֿונען אַ לעבעדיקן.

און דאָס ייִנגעלע האָט געוווּסט נאָר איין זאַך: ער איז זייער אין זייער הונגעריק.

אַ מאַמע

חודש מערץ. די ערד שלאָגט אַרויס די שפּראָצונגען פון יונג־פרילינגדיקן גראָז. אָבער דער פראָסט האַלט נאָך די ערד אין קראַמפּן.

מיר זיינען אַראָפּגעקומען אין דאָרף, כדי צו צעאַקערן אונדזער קליינעם גאָרטן. מיט אונדז איז מיטגעפאָרן אונדזער טאָכטער.

דער וואַלד האָט אַרויסגעשלאָגן שאַרפע ריחות. הויך און קרעפטיק זיינען די ביימער געשטאַנען: טאַפּאָלן מיט די אויפגע־הויבענע קעפּ צום הימל, סאָסנעס מיט גרינע נאָדלען, און אומע־טום — ערשט־געבוירענע קליינע סאָסנעלעך.

אויפן לאַנד איז דעמאָלט קיינער ניט געווען. איך בין געלאָפן איבערן וואַלד און אויספּרובירט מיין שטים. די בערג האָבן אויפ־געכאַפּט מיין קול און צוריקגעוואָרפן עס איבער אַנדערע בערג און אַ סך שטימען האָבן געשאַלט צווישן די היגלען.

מיר האָבן זיך גענומען צו אונדזער גאָרטן. די אייזערנע ציינד־לעך פון טראַקטאָר זיינען געווען פאַרראָסט פון פראָסט. און אָט איז געשטאַנען דער טראַקטאָר גרייט צו אַקערן די ערד.

מיין טאָכטער האָט זיך געלאָנגעווילט און באַשלאָסן צו גיין צום שכנס טעכטערל, ביז וואַנען מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט אונדזער אַרבעט.

דער אַקער פון טראַקטאָר האָט דורכגעביסן שטיקער ערד. פּלוצלונג האָבן גרויסע שוואַרצע ראָבן דורכגעפליגלט כמעט איבער אונדזערע קעפּ. איך האָב אויפגעהויבן מיין קאָפּ צום הימל, פון איין זייט איז געווען דער הימל בלוי, ווי כוואַליעס וואָלטן זיך געוועלט פון אַ גרויסער קיילעכדיקער שיסל, און פון דער צווייטער זייט הימל — אַ שוואַרצער ראַנד, ווי פון טינט, וואָס גיסט זיך איבער. פּלוצלונג האָט אַ ווינט אַ פּאַכע געטאָן איבער אונדזערע קעפּ, און דער שוואַרצער ראַנד האָט גענומען זיך רוקן אַלץ נענטער צום מילכווייסן שטיק הימל. איך האָב נאָך קיין מאָל פריִער אַזאַ שוואַרצקייט ניט געזען. דער ערשטער געדאַנק איז געווען: לויפן

נאָך מיין טאַכטער, איידער דער שטורעם קומט אָן, איר אַנטקעגן לויפן, איידער זי לאָזט זיך אַרויס אויפן וועג.

איך לויף אַרויף אויפן באַרג. און די שוואַרצע ריזיקע וואָלקנס לויפן מיר נאָך. זיי ראָלן איבער מיין קאָפּ און פאַרהילכן די לופט מיט דונערן.

איך וויל זיך פאַרמעסטן מיטן כוח פון די וואָלקנס, וואָס רוקן זיך צום צווייטן ראַנד מיט אַ שרעקלעכער שנעלקייט. דער שוואַר־צער טינט פליוכעט אין דער ווייסער וואָלקן־מילך.

פון באַרג שלענגלט זיך אַ וועג צו מיין שכן. פון איין זייט — אַ וואַלד. די ביימער בייגן זיך, ווי פאַרצוויפלטע פרויען, וואָס בעטן יאָמערדיק צו גאָט. אַ שווערד באַווייזט זיך אויפן הימל — אַ בליץ לעכערט דורך דעם געפּאַנצערטן וואָלקן און רעגן־שפּריצן גיבן אַ פּאַך איבער מיין קאָפּ. שפּיציקע שפּילקעס שטעכן מיין פּנים. איך לויף. אפשר גייט איצט מיין טאָכטער מיר אַנטקעגן. גאָטעניו! באַהיט מיין קינד! איך לויף נאָך שנעלער. די ווינטן פייפן — טויב צו ווערן. איך לויף פאַרביי אַ טעלעפאָן־סלופּ. משוגענע קולות שרייען אַרויס פון די דראָטן. בייטשן סוויסטשען איבער מיין קאָפּ. איך קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן. דער שטורעם יאָגט זיך נאָך מיר און וויל מיך איינשלינגען, וויל מיך פאַרטיליקן. דער רעגן האָט מיך דורכגעווייקט. איך ציטער, אָבער איך גיב זיך ניט אונטער. איך דעק זיך צו מיט די הענט די אויגן און איך לויף מיט אַן איינ־געבויגענעם קאָפּ אַהין — אַהין, וווּ מיין טעכטערל גייט...

ווינטן וואָיען, בליצן לעכערן דעם הימל, דונערן פאַרטויבן די וועלט — און איך לויף. די קני בייגן זיך, דער אָטעם פאַרגייט, אָבער אין די אויערן — מיין טאָכטערס רוף: מאַמע!

אַ הונט האָט זיך צעבילט. דער שכן האָט אויפגעעפנט די טיר. איך האָב ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. מיין טעכ־טערל איז מיר אַנטקעגנגעלאָפן אַ פריילעכע, אַ לייכטנדיקע, מיט די אַנדערע מיידלעך, און געקוקט אויף מיר מיט פאַרוווּרף, פאַר וואָס איך בין אַוועק צו איר אין אַזאַ שטורעם־רעגן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל. טרערן האָבן גע־לויכטן אין מיינע אויגן, און איך האָב ווי פאַרשעמט געפּליסטערט צו זיך:

— יאָ, מיין קינד, אַ נאַרישע מאַמע...

דאָס קאָרן־מיידעלע און דאָס ווייצן־מיידעלע

עס זענען געווען אַמאָל צוויי מיידעלעך. זיי האָבן געוווינט אין אַ טענעמענט־הויז, אַ טיר לעבן אַ טיר. איין מיידעלעס מאַמע איז געווען אַ שוואַרצע מאַמע, וואָס פלעגט אַוועקגיין אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן אין אַנדערע הייזער, און די צווייטע מאַמע איז געווען אַ ווייסע מאַמע, וואָס פלעגט אויך אַוועקגיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק. און די צוויי מיידעלעך פלעגן זיך שפּילן צוזאַמען. האָט מען איינס גערופן דאָס קאָרן־מיידעלע צוליב אירע שוואַרצע געקרייזלטע האָר, מיט גרויסע אויגן ווי שוואַרצע טרויבן, און מיט אַ שוואַרצער הויט, און די צווייטע האָט מען גערופן דאָס ווייצן־מיידעלע, ווייל זי האָט געהאַט גאָלדענע האָר ווי זאַנגען, און אַ הויט ווייס ווי חלה. דאָס ווייצן־מיידעלע האָט געהאַט בלויז איין אָפּגעקראָכן קליידעלע און צעריסענע שיך, האָט זי געוואָלט האָבן אַ קלייד ווי דער בלויער הימל מיט פליטערלעך, ווי די שטערן. דאָס קאָרן־מיידעלע האָט זעלטן געהאַט ברויט צו זעט, איר האָט ניט געאַרט וואָס פאַראַ קלייד זי טראָגט, זי האָט געוואָלט האָבן אַ גרויס שטיק ברויט...

איין מאָל חלומט זיך דעם קאָרן־מיידעלע אַזאַ חלום: זי גייט מיטן ווייצן־מיידעלע אויף אַ ווייטן וועג, באַגעגענען זיי אַן אַלטן מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד. אויף דער פּלייצע טראָגט ער אַ זאַק. לויפן זי צו אים צו און פרעגט אויב ער טראָגט ברויט אין זאַק? ענטפערט דער אַלטער: דאָס ברויט געפינט זיך דאָרטן וווּ עס איז אַלע מאָל זומער, וווּ מען נעמט אַראָפּ דעם קאָרן פון די פעלדער און מען צעמאָלט עס אין די מילן און מען באַקט אָפּ אַזעלכע געשמאַקע ברויטעלעך פונקט ווי דאָס קאָרן־מיידעלע וויל.

איז דאָס קאָרן־מיידעלע אַוועק זוכן דעם אייביקן זומער, און דאָס ווייצן־מיידעלע מיט די גאָלדענע האָר איז אַוועק זוכן דעם ווינטער, וווּ דער שניי ליגט אויסגעבעט אויף ווייסע קישנס מיט פעדערן און דער פראָסט שטריקט אויס דימענט־פליטערלעך אויף אַ בלויען קליידעלע פונקט ווי דאָס ווייצן־מיידעלע וויל...

די מיידעלעך האָבן זיך געזעגנט און זיך אָפּגערעדט צו באַגעגענען צום יאָר לעבן זייער הויז און דערציילן וואָס זיי האָבן געזען.

דאָס קאָרן־מיידעלע איז אַוועק צום אייביקן זומער, דאָס ווייצן־מיידעלע — צום זילבערנעם ווינטער.

גייט אַזוי דאָס ווייצן־מיידעלע איבער אַ ווייטן פעלד, זעט זי, די זאַנגען זענען אויסגעדאַרט, די ערד פאַרטריקנט, אַ שוואַלב זיצט אויף אַ דאָרן און זינגט ניט, און דער אַלטער מאַן שטייט מיטן הויכן שטעקן און זוכט מיט די אומעטיקע אויגן. פרעגט זי ביי אים: ווו געפינט זיך דער זילבערנער ווינטער? ענטפערט דער מענטש: גיי, מיידעלע, ווייטער דאָרטן, ווו די פיר צייטן פון יאָר ענדיקן זיך, וואַרט דער ווינטער אין אַ זילבערנעם שלאָף, און מיידעלעך אין זילבערנע קליידעלעך פלאַטערן אַרום אים.

גייט זי און גייט, זעט זי דריי ביימער, זיינען די ביימער הויל און שוואַרץ און דריי פייגעלעך זיצן אויף די שפּיצן ביימער און וויינען. פרעגט דאָס ווייצן־מיידעלע: פייגעלעך, פייגעלעך, וואָס וויינט איר? ערשט זי זעט, צופוסנס זיצט אַ פרוי אין שוואַרצן, און די פייגעלעך אויף זייער פויגל־שפּראַך ענטפערן: ווי זאָלן מיר ניט וויינען? מען האָט אָנגעצונדן אונדזער בוים, און אַ מענטש האָט מען פאַרברענט אויפן בוים. פרעגט דאָס ווייצן־מיידעלע: פאַר וואָס? ענטפערן די פייגעלעך, דערפאַר, ווייל זיין הויט איז שוואַרץ, האָבן ווייסע שלעכטע מענטשן פאַרברענט זיין האַרץ. זעצט זיך דאָס מיידעלע אַוועק צופוסנס לעבן פאַרברענטן בוים און גלעט די שוואַרצע פרוי איבערן קאָפּ און זי זאָגט צו דער טרויעריקער מאַמען: איך האָב אַ חברטע אַ קאָרן־מיידעלע מיט אַ שוואַרצער הויט, איז זי געגאַנגען זוכן ברויט. מיר דאַרפן זיך באַגעגענען באַם פערטן־יאָרצייט־באַרג.

נאָר די טרויעריקע מאַמע הערט ניט וואָס זי רעדט, נאָר זי וויינט און בעט, זי וויינט און בעט...

גייט ווייטער דאָס ווייצן־מיידעלע, זעט זי זאַנגען מיט געבויגענע קעפּלעך און דער ווינט וויינט דורך די זאַנגען. פרעגט דאָס

ווייצן־מיידעלע: פאַר וואָס וויינט איר, זאָגנגען? ענטפערן זיי: ווי זאָלן מיר ניט וויינען, אַז מיר זיינען אַזוי אויסגעדאַרט, און די ערד, וואָס האָט אונדז געבוירן, איז פאַרטריקנט געוואָרן. מיר ליגן דורשטיקע און ציטערן אין שרעק, ווייל די מענטשן זיינען אויף מלחמה אַוועק, און אַז מיר וועלן ניט בליִען וועט דער אויוון ניט גליִען. מיר וועלן זיין טויט און דיין חברטע וועט ניט האָבן קיין ברויט.

פרעגט דאָס ווייצן־מיידעלע: איז דאָ מיין חברטע געווען? ענטפערן די זאָנגען: מיר האָבן אָט ערשט דיין חברטע געזען, זי האָט געוואָלט אַ ברויטעלע גרויס ווי אַ הויז, זי זאָל עסן און עסן און דעם הונגער פאַרגעסן. האָבן מיר זי געשיקט, ווו דער אייבי־קער זומער וויינט און ווו שוואַרצע מיידעלעך ווערן אויסגעברוינט.

גייט אַזוי דאָס ווייצן־מיידעלע און גייט — און פלוצלונג דער־זעט זי דעם פערטן־יאָרצייט־באַרג, און דער ווינטער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, און צעבלאָזט די פעדערן, און אויף די פעלדער וואַקסן ברויטן פאַר יעדערן, און דאָס קאָרן־מיידעלע קריגט אַ ברויט, ווי אַ הויז, און דאָס מעשהלע לאָזט זיך אויס.

רויטע קאַרשן

עס איז געווען אַ הייסער שטיקנדיקער זומער־טאָג. די קינדער — שוואַרצהויטיקע, מיט געקרויזטע צעפּלעך — האָבן אַריינמאַרשירט אין קלאַס־צימער, די לערערין, אַ יונג, שלאַנק מיידל, איז אַריינגעקומען, די קינדער האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי די טישבענקלעך, אַרויסגענומען זייערע העפטן, און דער לימוד האָט זיך אָנגעהויבן. קינדערלעך פון האַרלעם, דאַרע און אויסגעצערטע מיט לאַנגע דינע פיסלעך, ווי דינע העלצלעך פון שוואַרצער ביימערקאָרע. זייערע שוואַרצע אויגן, ווי גרויסע שוואַרצע קאַרשן, האָבן געקוקט צו דער לערערין הונגעריק.

די לערערין האָט זיי צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיי נעמען אויף אַ שפּאַציר. זי וועט מיט זיי אַרויסגיין אין פּאַרק. זיי וועלן זיצן אונטער די שאָטנביימער און זיי וועלן זינגען און שפּילן. די קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי און זיי זיינען אַרויס אויף דער גאַס. די זון האָט געברענט, די קינדער האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען און דער זייגער האָט זיך גערוקט צו דער מיטאָג־שעה. די לערערין האָט אַ פּיף געטאָן מיט איר פּייפל, זיי צוזאַמענגענומען, ווי אַ טשערעדע שעפּעלעך, און זיי זיינען איר נאָכגעגאַנגען צוריק אין שול.

זיי האָבן אַרויסגענומען זייער מיטאָגברויט און זיך אַוועקגעזעצט עסן. אויך די לערערין האָט געגעסן איר פּוטערברויט. זי האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר־בייטל מיט רויטע קאַרשן. פּלוצלונג האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איין רויטע קאַרש און זיך געקייקלט איבערן דיל פון קלאַס. אַלע קינדער האָבן מיט איין מאָל דערזען די רויטע קאַרש. זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און די הענטלעך האָבן זיך אַ צי געטאָן, ווי זיי וואָלטן אַלע וועלן כאַפּן די רויטע קאַרש. עס איז געוואָרן אַ טומל אין קלאַס, די לערערין האָט זיי אַ פרעג געטאָן: — האָט איר שוין געגעסן היינטיקן זומער קאַרשן? — אַלע האָבן מיט איין קול געענטפערט: — ניין!

איין מיידעלע מיט פאַרפלאָכטענע צעפּלעך האָט אויפגעהויבן

איר הענטל — און אַ זאָג געטאָן: — לערערין, איך זאָג דיר צו, איך וועל זיין זייער גוט און ניט שטערן דעם קלאַס, אויב וועסט מיר געבן איין קאַרש צו פאַרזוכן. נאָך איר האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יינגעלע מיט אַ געקרויזטן קעפּל און אויך אַ זאָג געטאָן: — איך וועל אַלץ פאָלגן און ניט טומלען אין קלאַס, אויב וועסט מיר געבן איין רויטע קאַרש צו פאַרזוכן. די לערערין האָט דערזען די הונגעריקע אויגן פון די שוואַרצע קינדער און געזאָגט צו זיי: — נו, גוט, קינדער, אויב איר וועט זיין שטיל, וועט יעדער פון אייך קריגן איין רויטע קאַרש.

אַ שטילקייט איז געוואָרן אין קלאַס. די קינדערשע הענטלעך האָבן געשריבן איבערן ווייסן פּאַפּיר. די בלייפעדערס האָבן גע־קריצט און די קינדערשע הערצער האָבן געקלאַפּט: רויטע קאַרשן! רויטע קאַרשן!...

און קיינער פון זיי האָט ניט אַרויסגעלאָזן קיין שאָרך, יעדעס קינד האָט געפילט אויף די ליפּן דעם זיסן טעם פון קאַרשן, דעם זאַפט פוןביימער, פון שמעקנדיקן זומער־גאָרטן, פון רוישיקע בלע־טער אין ווינט, פון פעלדער און וועלדער, און די ענגשאַפט פון האַרלעם איז פאַרשוווּנדן, און אַזאַ שטילקייט איז נאָך קיין מאָל אין קלאַס ניט געווען.

די לערערין האָט אַרויסגענומען די קאַרשן און צוגעטראָגן יעדן קינד אַ רויטע קאַרש. די שוואַרצהויטיקע קינדער האָבן קודם אַ לעק געטאָן די קאַרש. טייל האָבן זי אויפגעהאַנגען, ווי אַן אוירינגל אויפן אויער. זיי האָבן געשמעקט מיט די ברייטע נאָז־לעכער און זי צוגעלייגט צו די ליפּן, און זיך ניט פאַרגונען מיט איין מאָל זי איינבייסן.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געשפּיגלט אין דער רונדער זאַפ־טיקייט. דאָס קליינע מיידעלע מיט די געפלאָכטענע צעפּעלעך האָט אויפגעהויבן איר קליין הענטל אין דער הויך און געפרעגט, צי זי קאָן צוגיין צו דער לערערין. ווען מען האָט איר דערלויבט צוקומען, האָט זי אויף איר קליינער שוואַרצער דלאָניע געבראַכט די קאַרש און אַזוי געזאָגט: — לערערין, איך האָב דיך זייער ליב, ווי די

רויטע קאַרש. איך וויל דיר געבן אַ האַלבע קאַרש און איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט זיך געטיילט מיט אונדז.

די לערערין האָט צוריקגענומען די קאַרש און זי צעריסן אויף צווייען. איין העלפט האָט זי אַריינגעלייגט אין קינדערשן מיילעכל, און די צווייטע — צו זיך אין מויל, און די אויגן פון אַלע קינדער האָבן געלויכטן, ווי שוואַרצע קאַרשן...

III

שלום אייך, קינדער!

שלום אייך, קינדער, ווּ איר זאָלט ניט זיין,
איך טראָג פאַר אייך אַ כוס פון דער באָבעס וויין.

איך האָב פאַר אייך אַ סידורל פון דער באָבעס האַנט,
אַ סידורל צום דאַווענען אין אַ יעדן לאַנד.

ווּ נאָר אַ ייִדיש קינד, אַ קינד פון אונדזער שטאַם
עפנט אויף דאָס סידורל — גיט זיך אַ דערמאַן!

מיטן אלף-בית הייבט זיך אָן דער זמן.
יעדער ייִדיש אות איז דורכגעברענט מיט פלאַם.

יעדער ייִדיש אות איז אָנגעפילט מיט וויין
פון דער באָבעס כוס — ווּ איר זאָלט ניט זיין.

צוויי געפֿונענע לייכטער

די לערערין האָט פֿרייגעלאָזט דעם קלאַס פֿון דער ייִדישער שול, און די קינדער זיינען אַרויס אין גאַס.

אַ ווייסער פֿריש-געפֿאַלענער שניי האָט צוגעדעקט די ביימער אַנטקעגן פּאַרק. די קינדער האָבן זיך גענומען וואַרפֿן מיט שניי-באַלן. קינדער מיט שליטעלעך האָבן זיך געיאָגט פֿון די בערגלעך, און דערזעענדיק די אַנדערע קינדער קומען אַרויס פֿון שול, מיט די ביכער אין די הענט, האָבן זיי געלאָזן די שליטעלעך און זיך אָנגעשלאָסן אין פֿאַרמעסט, ווער עס וועט צילן העכער און ווייטער מיטן וויים-שנייִיקן באַל.

דער פּאַרק איז געווען מיט אייזערנע שטאַכעטן אַרומגעצאַמט, און ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ דראַטן מיסט-קיישל. לינדאַ איז געשטאַנען מיט די ביכער און געוואַרט אויף איר ברודערל, וואָס האָט געשליידערט איינס נאָכן צווייטן די שניי-באַלן.

לעבן מיסט-קיישל איז געלעגן אַ פּעקל, עס האָט איר אַ בלענד געטאָן אַ מעשענע זאַך. לינדאַ האָט אויפגעהויבן דאָס פּעקל: אין אַ פּאַפּירן ברוינעם בייטל זיינען געלעגן צוויי פֿאַרזשאַווערטע לייכטער.

לינדאַ ווייסט, אַז אין אַזעלכע שבת-לייכטער בענטשט איר באָבע ליכט אַלע פֿרייטיק. ווער האָט אַרויסגעוואָרפֿן אין מיסט צוויי לייכטער?

לינדאַ מיט איר ברודער זיינען געגאַנגען אַהיים און לעבן איר ייִדיש בוך האָט זי געהאַלטן די פֿאַרזשאַווערטע לייכטער. ווען די מאַמע האָט געעפֿנט די טיר, האָט לינדאַ אויסגעשריגן מיט קינדערשער פֿרייד: מאַמע, זע, וואָס איך האָב געפֿונען — צוויי פֿאַרלאָזענע לייכטער!

לינדאַס מאַמע, אַ געבוירענע אין ניו-יאָרק, האָט קיין מאָל ניט געבענטשט קיין ליכט, זי האָט געשיקט אירע קינדער אין דער ייִדישער שול, אָבער זי האָט זיך ניט געפֿירט, ווי איר שוויגער, זי האָט קיין ליכט ניט געבענטשט.

לינדאַ האָט ניט געקאָנט באַגרײַפֿן, ווער עס האָט אַרויסגע־וואָרפֿן די שבת־לייכטער, און לינדאַ האָט געזאָגט צו איר מאַמען: מאַמע, זײַ אַזוי גוט, וויש אָפּ פֿון די לייכטער דעם גרינעם שימל, פּוץ זיי אָפּ, און שטעל אַרײַן ליכט אין זיי, און בענטש זיי ווי די באָבע.

לינדאַס מאַמע האָט גענומען שייערן די לייכטער. זיי זיינען געווען מיט גרינעם שימל דורכגעגעסן, די העלדזלעך — פֿאַר־שטאָפּט מיט זאַמד און שטיינדלעך. לינדאַס מאַמע האָט גענומען אַ מעסערל, אויסגעסקראָבעט די העלדזלעך פֿון די לײַכטער, אָפּ־געשיילט דעם זשאַווער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַ ליכטיקער גלאַנץ. די העלדזלעך פֿון די לייכטער האָבן געבלענדט, און לינדאַ האָט מיט שיינענדיקער פֿרייד באַוווּנדערט איר מאַמען, ווי זי וואָלט אַנטדעקט אַן אוצר.

לינדאַ האָט דערזען די לייכטער, האָט זי געזאָגט צו איר מאַמען: מאַמע, ווען איך וועל אויסוואַקסן, און חתונה האָבן, וועל איך אין די לייכטער בענטשן ליכט, אַזוי ווי מײַן באָבע. לינדאַס מאַמע האָט אַרומגענומען איר קינד, און צוגעדריקט איר קליינע טאָכטער צו זיך...

ווען פֿרײַטיק איז געקומען, האָט די קליינע לינדאַ גענומען די לייכטער, אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש, און געזאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע טייערע, בענטש ליכט אין מײַנע לייכטער!

און די מאַמע האָט אָנגעצונדן די ליכט אין די געפֿונענע לייכטער, און די קליינע לינדאַ האָט צוגעלייגט די קינדישע הענטלעך צו די אויגן, ווי זי האָט געזען איר באָבען טאָן, און זי האָט געזאָגט צו איר מאַמען: מאַמע, מאַך צו די אויגן און זאָג אַ ווּנטש!

די צוויי לייכטער האָבן אויפֿגעשטראַלט מיט ליכטיקייט, די ווײַסע פֿלעמלעך האָבן געציטערט מיט דער פֿרייד פֿון מאַמעס און באָבעס, וואָס האָבן אַ מאָל געבענטשט אין די לייכטער די שבת־ליכט. אין די בלויע קינדערשע אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט צוויי שבת־ליכט.

דער קידוש

בוירני איז אַלט געווען זעקס יאָר, אַ יינגעלע מיט אַ רויטן קאָפּ קוטשעראַווע האָר און בלויע אויגן, ווי צוויי בלויע שטערנד־לעך. די עלטערן האָבן אים געשיקט אין חדר. ער האָט זיך אויס־געלערנט אַלע ברכות און מיט אַ זינגענדיקן ניגון פּלעגט בוירני אויסזינגען דעם קידוש. בוירנים טאַטע אַרבעט אין אַ צווייטער שטאָט, און קומט קיין מאָל ניט אַהיים פרייטיק, איז דער קליינער בוירני דער גאַנצער מאַנסביל פרייטיק צו נאַכטס.

די באָבע און די מאַמע מיט זיין שוועסטערל זעצן זיך אַוועק ביים שבת־טיש, די באָבע בענטשט די ליכט, בוירני מאַכט קידוש. די באָבע קוועלט פאַר נחת, און אַזוי באַגעגענען זיי די מלכה שבת מיט ליכט און פרייד.

בוירני איז אַריין אין ערשטן קלאַס פּאָבליק־סקול, און אויך דאָ איז ער געווען דער בעסטער שילער. איין מאָל, ווען דער טאַטע איז אַהיימגעקומען, האָט אים די באָבע דערציילט ווי שיין בוירני מאַכט קידוש. דער טאַטע האָט אים דערלאַנגט אַ זילבערנעם דאָלאַר אַ מתנה.

בוירני פלעגט האַלטן דעם זילבערנעם דאָלאַר און זיך שפּיג־לען אין אים. ער וועט אים קיין מאָל ניט אויסבייַטן. הונדערט פּענים ליגן פאַרשמאָלצן אין זילבערנעם דאָלאַר, און בוירני האָט זיך געפילט ווי אַ מיליאָנער.

בוירנים ענגלישע לערערין, מיס מעק־לעי, האָט איין מאָל דערציילט די קינדער וועגן דעם מאַרש פון דאַימס. דאָס גאַנצע לאַנד זאַמלט געלט פאַר די פּאָליאָ־פאַרקריפּלטע קינדער זיי צו היילן. יענע פּאָליאָ־פאַרקריפּלטע קינדער קאָנען ניט שרייבן מיט זייערע הענט, קאָנען ניט גיין מיט זייערע פיס. זי האָט אַוועקגע־שטעלט אַ פּושקע און געבעטן אַלע קינדער זאָלן אַריינוואַרפן זייערע דאַימס און אַוועקשיקן צו דער פונדאַציע, וווּ מען היילט די קראַנקע קינדער.

עס איז געוואָרן אַ זוכעניש און זאַמלעניש, און די פּושקע

האָט געגומען קלינגען מיט די דאַימס, און יעדער דאָס האָט ווי געוווּנטשן געזונט די פאַרקריפּלטע קינדער.

בוירני האָט געזוכט אין די קעשענעס און אַרויסגענומען זיין טאַטנס מתנה: דעם זילבערנעם דאָלאַר. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און געוואָלט אַריינוואַרפן דעם דאָלאַר אין דער פּושקע. די פּושקע איז אָבער געמאַכט אַזוי, אַז בלויז אַ דאַים קאָן אַריין. ער האָט אַפילו שטאַרק פּרובירט אים אַריינשטופּן, אָבער דער זילבערנער דאָלאַר האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויף דער ערד. מיס מעק-לעי האָט דערהערט דעם קלאַנג און מיט אַ שטרענגען פּנים אַ פרעג געטאָן: ווי אַזוי קומט צו דיר אַ זילבערנער דאָלאַר?

דער קליינער בוירני איז געבליבן שטיין און די בלייע שטערנדלעך פון זיינע אויגן האָבן דער לערערין געקוקט גלייך אין פּנים אַריין: מיס מעק-לעי, דאָס האָט מיר מיין טאַטע געגעבן פאַר מאַכן קידוש פּרייטיק צו נאַכטס. איך האָב דעם דאָלאַר געוואָלט געבן אַ מתנה פאַר די קראַנקע קינדער, זיי זאָלן באַלד געזונט ווערן.

די לערערין האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס בוירני זאָגט. כדי זי איבערצייגן, אַז ער זאָגט דעם אמת, האָט ער אַ זאָג געטאָן: ווילט איר הערן, וועל איך מאַכן קידוש פאַרן קלאַס און פאַר די קראַנקע קינדער. בוירני האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע און זיך צוגעדעקט זיין קאָפּ, און פאַרשטייפט זיין פּויסט, ווי ער וואָלט האַלטן דעם קידוש-בעכער, און הויך אויפן קול געמאַכט קידוש.

די ייִדישע קינדער האָבן געענטפערט אמן, און די אַנדערע קינדער האָבן געזאָגט עימען. אַ הייליקע שטילקייט האָט איינגעהילט דאָס צימער, און די לערערין מיס מעק-לעי האָט גענומען דעם זילבערנעם דאָלאַר און אים אָנגעטאָן, ווי אַ קרוין אויף דער פּושקע מיט די דאַימס, און אַוועקגעשיקט צו די קראַנקע קינדער.

דעם זיידנס סידורל

עס איז געווען אין יענע טעג, ווען דער מערדער היטלער האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען דאָס ייִדישע פאָלק. די נאַציס האָבן צוזאַמענגענומען אַלע ייִדן פון שטעט און שטעטלעך און זיי אַריינגעזעצט אין געטאָס, אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס, און יעדן טאָג און יעדע נאַכט זיי געפירט אין פאַרשלאָסענע לאַסט־וואַגאָנעס צו די גאַזקאַמערן.

אין איינעם פון די שווידער־לאַגערס אין פוילן איז געלעגן אַ מאַמע מיט אירע קינדער, אויסגעצערט פון הונגער. יעדן טאָג האָט מען ביי איר צוגענומען אַ קינד, און צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע קינדער, עס אַוועקגעפירט צום טויט.

די פאַרצווייפלטע ייִדישע מאַמע איז געבליבן ביי איר לעצט קינד, משהלע.

האָט די מאַמע אַזוי געזאָגט צו משהלען:

— קינד מיינס, זון מיינער, דו ביסט אַלט געוואָרן זעקס יאָר. דו ביסט געראָטן אין קלוג פאַר דיינע יאָרן. זע, דיינע שוועסטער און דיינע ברידער האָט מען צוגענומען, דיין טאַטן האָט מען דער־שאָסן פאַר אונדזערע אויגן. היטלער וויל אומברענגען אַלע ייִדן. נאָר עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל, וואָס זעט־צו דעם צער פון אונדזער פאָלק. איך, דיין מאַמע, בין פאַרמשפּט צו שטאַרבן, נאָר דו, מיין ייִנגסטער זון, מוזסט בלייבן לעבן, דו מוזסט נקמה נעמען פאַר דיינע ברידער און שוועסטער, ווייל דיין נאָמען איז משה.

— אַ מאָל, אַ מאָל, אין פּרעהס צייטן, איז אויך געווען אַ גזירה: פּרעה האָט באַפוילן, אַז יעדעס ניי־געבוירן ייִדיש ייִנגל זאָל מען אין טייך אַריינוואַרפן. האָט איין ייִדישע מאַמע דעמאָלט געבוירן אַ זון, אַ שיין קינד מיט גרויסע ייִדישע אויגן, האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן משה. זי האָט ניט געוואָלט, ער זאָל דערטרונקען ווערן. האָט זי געמאַכט אַ קעסטעלע פון פּימסן־האָלץ, עס אויס־געקלעפּט מיט ליים און פעך. זי האָט דערין אַריינגעלייגט דאָס קינד און עס אַרויסגעלאָזט ביים ברעג טייך. ווען פּרעהס טאָכטער

מיט אירע מיידלעך איז געגאַנגען זיך באָדן און דערזען אַ קליין קעסטעלע שווימט אויפֿן טייך, האָט זי באַפֿוילן די מיידלעך עס אויפֿצוהייבן, און דאָרטן איז געלעגן משה. ער האָט געקוקט אויף איר מיט גרויסע ליכטיקע אויגן, האָט זי זיך דערבאַרעמט אויף דעם קינד און אים געראַטעוועט. און ווען משה איז אויסגעוואַקסן, איז ער געוואָרן אַ פֿירער און אויסגעלייזט די ייִדן פֿון שקלאַפֿעריי.

די מאַמע האָט אָנגעפּעלצט איר זון מיט שמאַטעס, אים אַרומגע־געוויקלט די פֿיסלעך, ער זאָל זיך ניט צוקילן אין דער קאַלטער נאַכט. זי האָט אַרויסגענומען פֿון אונטער איר שטרויענעם קישן אַ סידורל — דעם זיידנס סידורל — אים דערלאַנגט און געזאָגט צו אים אַזוי:

— משהלע, מיין זון, לויף אַרויס אין דער נאַכט, ווער אַ חיהלע, און קריך דורך די שפּאַלטן-ווענט, ווער אַ הירשעלע און שפּרינג אַריבער די דראָטן פֿון קאָנצענטראַציע-לאַגער. ראַטעווע זיך, און אויב דו וועסט בלייבן לעבן, מיין זון, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט אַוועק צום לאַנד פֿון אונדזערע אָבות קיין ארץ-ישׂראל.

משהלעס אויגן האָבן אין דער פֿינצטער אויפֿגעלויכטן ווי צוויי ליכטיקע שטערן. ער האָט זיך גיך איינגעבערגלט און אַריינגע־שפּרונגען אין אַ מיסטקעסטל. ליגנדיק דאָרטן האָט אין משהלעס אויערן געקלונגען דאָס קול פֿון זיין מאַמען: ווער אַ חיהלע, ווער אַ פֿייגעלע, ווער אַ הירשעלע, און לויף, לויף!

משהלע איז געבליבן לעבן, מען האָט אים שרעקלעך גע־פּייניקט, אָבער שטענדיק האָט ער געהאַלטן דעם זיידנס סידורל לעבן זיין האַרץ.

*

מדינת ישׂראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, און זי האָט געעפֿנט אירע טויערן פֿאַר די פֿאַרוואָגלטע און געפּייניקטע. ייִדישע רעטער האָבן איינגעזאַמלט די קינדער זיי צו ברענגען אויף שיפֿן מיט דער יוגנט-עליה קיין מדינת-ישׂראל.

קינדער יתומים, קינדער פאַרקריפּלטע האָבן געוואַרט אויף דער רעטונגס-שיף, וואָס וועט זיי ברענגען קיין ישׂראל אָנצוהייבן אַ ניי לעבן. צווישן די פאַרוואָגלטע קינדער פון די שוידער-יאָרן איז אויך געווען משהלע.

איבער די שטורעמדיקע ימען שווימט אַ ייִדישע שיף מיט קינדער, געראַטעוועטע פון פאַרניכטונג, וואָס ווייסן ניט ווי צו לאַכן; קינדער, וואָס זייערע משפחות זיינען פאַרברענט געוואָרן אין די גאַז-קאַמערן. זייערע רענצלעך און פּעקלעך ליגן אָנגע־וואָרפן אין אַ באַרג. זיי זיצן אויפן דעק פון שיף און חלומען פון אַ היים, פון אַ בעט, אַ צערטלעך וואָרט פון אַ מאַמע, און משהלע חלומט דעם חלום פון זיין מאַמען. ווען זיין מאַמע וואָלט געוווּסט, אַז ער פאָרט איצט קיין ארץ-ישׂראל...

וווּ איז זיין מאַמע? די כוואַליעס וויגן זיך, און וויגן איין זיין חלום אין אַ וויגליד, וואָס זיין מאַמע פלעגט אים זינגען צום שלאָף:

> אונטער משהלעס וויגעלע
> שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע...

שוין צוויי וואָכן ווי די שיף שלעפּט זיך, עס קוקט אויס ווי אָן אייביקייט, ווי די שיף קען ניט גרייכן צום ברעג פון ישׂראל.

איין פרימאָרגן האָבן די טרובעס געטרובעט, און משהלע איז אַרויס מיט די קינדער אויפן דעק. די זון איז אויפגעגאַנגען ווי אַ פייערדיקער, ברענענדיקער שפּיגל און געשאָסן מיט פיילן. דער ים האָט אָנגעהויבן צו פלאַמען. דער אָנפירער האָט צוזאַמענגערופן אַלע קינדער און זיי אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז די שיף דערנענטערט זיך צום ברעג, צום אויסגעבענקטן לאַנד ישׂראל.

די קינדער האָבן זיך אויפגעשטעלט, זיך אַרומגענומען, און עס האָט זיך דערהערט דאָס געזאַנג פון „התקווה". דער ים האָט אויפגעכאַפּט דאָס געזאַנג און עס צעטראָגן איבער די כוואַליעס. די ייִדישע פאָן האָט געפלאַטערט, און דאָס קינדערשע געזאַנג איז פאַרויסגעפלויגן און אָנגעזאָגט, אַז זיי קומען אָן. די שיף איז צוגעשווומען צום פאָרט.

הונדערטער מענטשן האָבן מיט פרייד אָפּגעוואַרט די שיף ביים ברעג. די יִידישע מאַטראָסן האָבן אויף גיך צוגעהעקלט די טרעפּ-לייטערלעך צום ברעג און די ערשטע גרופּע קינדער איז אַראָפּ פון דער שיף. דאַן זיינען אַראָפּ די פאַרקריפּלטע קינדער מיט די באַגלייטער, דערנאָך די לעצטע, די קינדער, וואָס האָבן געקאָנט אַליין גיין. מאַמעשע אויגן האָבן געוואַרט אויף אַלע קינדער, נאָר משהלע איז געבליבן דער לעצטער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן די שיף אָן זיין רענצעלע.

אַלע רענצלעך זענען געלעגן אין אַ באַרג — גיי געפין אַ נאָדל אין אַ באַרג היי. מען האָט זיך ביי אים געבעטן: ווען אַלע וועלן אַראָפּ, מען וועט אויסלאָדן דאָס געפּעק, וועט מען אים ברענגען צו טראָגן זיין רענצעלע. אָבער משהלע האָט זיך איינגעשפּאַרט, עס האָט ניט געהאָלפן קיין רייד. דער קאַפּיטאַן האָט באַפוילן צו געפינען זיין רענצעלע, ווייל משהלע וועט ניט אַראָפּ פרייוויליק פון שיף.

ענדלעך האָט מען געפונען זיין רענצעלע און מען האָט עס אים דערלאַנגט. משהלע האָט גענומען זיין שליסעלע פון האַלדז-קייטל און אויפגעשלאָסן דאָס רענצעלע. איינגעוויקלט איז דאָרט געלעגן דעם זיידנס סידורל. ער האָט עס אַ קוש געטאָן, און מיטן רענצעלע אין איין האַנט און מיטן סידורל אין דער צווייטער האַנט איז ער איינער אַליין געגאַנגען פאַרויס. ער האָט אַראָפּגעשפּאַנט פון לייטערל און אויף אַ קול האָט ער געזאָגט: מאַמע, איך בין אָנגעקומען קיין ארץ-ישׂראל!

משהלע, מיטן זיידנס סידורל אין האַנט, איז אַוועק מיט די קינדער צו דער נייער היים אין אַלט-נייעם לאַנד.

✶

משהלע איז אויסגעוואַקסן. ער האָט זיך גוט געלערנט, שפּעטער געוואָרן אַ זעלנער אין דער ישׂראל-אַרמיי און געהיט די גרענעצן פון ישׂראל. ער האָט געדענקט, וואָס זיין מאַמע האָט אים אַ מאָל

אָנגעזאָגט: ווער אַ פֿייגעלע, הייב זיך אויף איבער די בערג, ווער אַ הירש און שפּרינג אַריבער דעם שׂונא...

ווען די ישׂראל־אַרמיי האָט געקעמפט קעגן פֿיינט, איז משה געווען פֿון די ערשטע. ער איז אַרויף אויפֿן באַרג סיני און האָט דאָרט אויפֿגעהויבן די ייִדישע פֿאָן.

חיימל וויל זיין אַ יידישער אַסטראָנאַט

חיימל גייט אין אַ ייִדישער שול. ער איז אַ ייִדיש ייִנגעלע, און וויל קאָנען גוט ייִדיש לייענען און שרייבן.

חיימל האָט ליב צו קוקן אויף טעלעוויזיע. דאָרטן זעט ער וואונדער. ער איז ביי זיך אין שטוב און זעט די גאַנצע וועלט. חיימל זעט ווי אַן אַסטראָנאַט הייבט זיך אויף צו די הימלען.

מיט איין האַנט האָט ער געשריבן אַ ייִדישע קאָמפּאָזיציע, נאָר די אויגן האָבן זיך געריסן צו דער טעלעוויזיע.

די מאַמע שרייט פון קיך: חיימל, פאַרדריי די טעלעוויזיע, און ענדיק דיין היים־אַרבעט. מאָרגן דאַרפסטו גיין אין שול, עס איז זייער שפּעט. חיימל, דו הערסט?

נאָר חיימל הערט ניט זיין מאַמעס וואָרענונג. די אויגן זיינען געווענדט צו דער טעלעוויזיע, ער זעט ווי דער אַסטראָנאַט הייבט זיך העכער און העכער און אָט ווערט ער פאַרלוירן אין די וואָל־קנס. חיימל פליט מיט מיטן געוואָגטן אַסטראָנאַט, ער שוועבט איצט אין די הימלען.

ער איז ניט מער חיימל — נאָר אַ ייִדישער אַסטראָנאַט מיט אַ ייִדיש בוך אין האַנט פליט צו די הימלען.

ער טראָגט זיך אין רוים, און פּלוצלונג ווערט פינצטער. די לבנה שיפט זיך אַרום אין אַ גאָלדן שיפעלע. אויפן הימל שווימען אַרום, ווי גאָלדענע פישעלעך, שטערן, אַזוי פיל שטערן: מאָנ־גאָלישע שטערן איבער מאָנגאָליע, יאַפּאַנישע שטערן איבער יאַפּאַן, שטערן איבער אינדיע, שטערן איבער מעקסיקע. חיימל אָבער פליט איבער ישׂראל. אַלע שטערן פינקלען און פינקלען, די שטערן זיינען אַלע גלייך. ער שוועבט און קרייזט אַרום דער וועלט. דאָ איז טאָג, און דאָ איז נאַכט, ער מוז געפינען דעם שטערן איבער ישׂראל. ווּ געפינט ער זיך? ער נעמט דאָס טעלעפאָן־טרייבל, ער רופט: מאַמע, ווּ געפין איך זיך?

די מאַמע ענטפערט: חיימל, האַלט זיך צו, זאָלסט, חלילה, ניט אַראָפּפאַלן!

חיימל רופט אוים: מאַמע, איך האָב געפונען דעם שטערן איבער ישׂראל. ער איז אַזוי שיין, ווי דיינע אויגן.

פּלוצלונג דערפילט ער אַ טרייסלען. ער עפנט די אויגן, די מאַמע שטייט לעבן אים אַ דערשראָקענע. דער ייִדישער העפט איז אַראָפּגעפאַלן, און חיימל רייבט די אויגן. ער קוקט אויף דער מאַמען מיט ווונדער.

— ווייסט, איך האָב געפונען דעם שטערן איבערן ייִדישן לאַנד.

די מאַמע פאַרשטייט ניט וואָס חיימל מיינט און זאָגט:

— ביסט אַנטשלאָפן געוואָרן אין מיטן דיין היים-אַרבעט.

נאָר חיימל קוקט מיט ווונדער:

— יאָ, מיין מאַמע, איך וועל זיך לערנען גוט ייִדיש און וועל אויסוואַקסן אַ ייִדישער אַסטראָנאַט און פליִען צו די הימלען.

און אַ ייִדיש ייִנגעלע, אויב ער וויל, וועט ער צווישן מיליאַרדן שטערן געפינען דעם ייִדישן שטערן, וואָס וועט מיט זיין ליכט באַלייכטן די גאַנצע וועלט.

דער בליצלאָמפּ

היינט ווייסן מיר שוין ניט פון קיין בליצלאָמפּ, היינט לייכט דאָס עלעקטרישע ליכט אין אַלע שטיבער, אין אַלע גאַסן. אָבער אַ מאָל איז ניט געווען קיין עלעקטריש ליכט, בלויז לאָמפּן, וואָס וואַרפן לאַנגע שאָטנס אויף די ווענט, וואָס שטייען אויף טישן. די קנויטן ליגן איינגעטונקען אין נאַפט, און ציִען זאַפט פאַרן ברע־נענדיקן ליכט.

איך געדענק אַלערליי לאָמפּן: מאַמעס זיצן געבויגן איבער תחינות און „זאָגן״; מאַמעס לייענען לאַנגע בריוו פון די קינדער, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט; קינדער זיצן ביי ברייטע טישן איבער ספרים; איך געדענק לאָמפּן, וואָס צאַנקען לעבן אַ קראַנקן.

נאָר מער פון אַלע לאָמפּן געדענק איך דעם בליצלאָמפּ. ער איז געווען דער קיניג איבער אַלע לאָמפּן.

איז געווען אַ חתונה אין שטעטל, אַ רייכע חתונה. די כּלה איז געזעסן אויף אַ הויכער שטול מיט טרעפּלעך צום דיל. מחותנים און געסט זיינען געקומען: מאַמעס מיט שטערנטיכלעך און אַט־לעסענע קליידער, מיט ברייטע זיידענע שאַלן; אַלטינקע באָבעס מיט זיידענע טשיפּיקעס; זיידעס אין לאַנגע שוואַרצע זשופּיצעס, אין שטריימלען מיט לאַנגע פּוטערנע עקלעך; רייכע יונגלעך מיט פאַר־ריסענע נעז און פאַרשייטע קאַשקעטן; מיידלעך מיט בלומען־קרענץ אין די האָר.

די קלעזמער שפּילן אויף פידלען, צימבלען, טאַצן, פּייפיאַלן און טשעלאָס, און איבער דער פויק — די גרויסע קיילעכדיקע פּויק, מיט דער שלאַנגישער הויט — שפּרינגען פינגער.

אין זאַל איז פייערלעך, דאָס ליכט פלייצט אַרויס אין פינצטערן שטעטל, די שאָטנס אַנטלויפן אויף די ווענט און רופן אַלע אָרעמע קינדער צו די באַלויכטענע שויבן.

קינדער פון די הינטערגאַסן זיינען צוגעקלעפּט צו די שויבן.

זשעדנע אויגן, אָפענע מיילעכלעך. אַלע זײַנען געקומען צו דער רייכער חתונה.

אין זאַל טאַנצט מען. דער בליצלאָמפּ וויגט זיך. פײַערדיקע שווערדן שיסן פון זײַנע אויגן, גאָלדענע פונקען פינקלען פון זײַנע ברעמען, גלאַנציקע שטיינער בלישטשען פון זײַנע אויערן. דער בליצלאָמפּ, ווי אַ גאָלדענע הופּה, באַלויכט אַלע מענטשן, אַלע פּנימער.

אונטער פיר שטאַנגען זײַנען געשטאַנען חתן־כּלה. דער חזן האָט געזונגען אַ תּפֿילה. אַ גאָלדן רינגל האָט פאַראייניקט חתן־כּלה אין אַ בונד פון מאַן און ווייב. אַ גלאָז האָט זיך צעלאַכט — אַ פּוס האָט אַ זעץ געטאָן. ווײַן האָט אַ שטראָם געטאָן, אַ פרייד איז אויסגעבראָכן. מחותּנים האָבן זיך געקושט, מוזיק האָט גע־הילכט.

אַן אַלטע באָבע, מיט צוויי ווײַסע קוילעטשן, טאַנצט אַנטקעגן חתן־כּלה. שטריימלעך דרייען זיך, זשופּיצעס פלאַטערן, אָפּצאַסן הילכן, שטיוול גלאַנצן. די ווײַסע כּלה, ווי אַ פלאַטערדיקע טויב צווישן שוואַרצע ייִדן, אין אַ קאַראַהאָד. און דער בליצלאָמפּ וויגט זיך אין אַ פײַערדיקן ראָד.

קינדערשע פּנימער גלאָצן און גאַפן און די הונגעריקע אויגן לעכערן דורך אַלע שויבן. אויף די טישן שטייען טעלער מיט געפילטע פיש, לעקעך און פלאָדן. מען טרייבט זיי אַוועק פון די פענצטער, אָבער זיי קלעפּן זיך ווידער צו די שויבן, ווי בינען צו זיסקייט, און מען קאָן זיי ניט אַוועקרייסן.

מוזיק שפּילט ווידער, הענט נעמען זיך אַרום, בערד פאַררייסן זיך אַרויף. מען האָפּקעט און מען טאַנצט אין אַ ראָד.

אוי, אוי, אַ לעבן, די מוזינקע אויסגעגעבן!

נאָר פּלוצלונג האָט פון ערגעץ אַ שאָס געטאָן אַ שטיין. דער בליצלאָמפּ צעברעקלט זיך. שטיקער גלאָז פליִען איבער דעם טאַנצנדיקן עולם. דאָס ליכט ווערט אויסגעלאָשן. דער קנויט אין לאָמפּ האָט אַ צאַנק געטאָן און איז שטום געבליבן. עס איז געוואָרן

אַ לויפּעריי, אַ געשריי. שוועבעלעך האָבן זיך צעצונדן, ליכט האָבן זיך באַוויזן.

אויף ווענט — ריזיקע שאָטנס. די שׂמחה איז צעשטערט געוואָרן. קלעזמער האָבן געשפּילט, ווי זיי וואָלטן עפּעס באַוויינט...

צוויי חברים

זיי זיינען געווען צוויי יוגנט-חברים. שמעון און אבא פֿון שטעטעלע יעדליעץ. זיי זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין חדר, און שפּעטער אין שול. אבאס טאַטע איז געווען אַ שוסטער, געהאַט אַן אייגענעם ווערקשטאַט, און אַליין געמאַכט שיך און שיכעלעך פֿאַרן גאַנצן שטעטעלע יעדליעץ.

ערב פּסח פֿלעגט זיין קעלער אָפּהילכן פֿון די פֿלעקלעך און טשוועקלעך וואָס אבאס טאַטע, דער שוסטער, האָט אַריינגעהאַמערט אין די זוילן. פּסח פֿלעגן אַלע קינדער אַרויס פֿון די שטובן אין די נייע שיכעלעך, און די זוילן פֿלעגן סקריפּען, ווייל אבאס טאַטע איז געווען אַ מייסטער, און די נייע שיכעלעך האָבן געמוזט סקריפּען אויף די שטיינערנע טראָטואַרן, ווו די יינגלעך האָבן שפּאַצירט.

שמעונס טאַטע איז געווען אַ שערער. קיין סך אַרבעט האָט ער ניט געהאַט אין שטעטעלע. די ווייבער אין שטעטל האָבן גע-טראָגן שייטלען, און די מאַנסבילן — בערד און פּיאות. די קונסט פֿון שערן האָט שמעון איבערגענומען פֿון זיין טאַטן, און ווען ער איז עלטער געוואָרן, איז ער אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט אויף זיין אייגענעם באַראָט. אוןביידע יוגנט-חברים האָבן זיך צעשיידט.

שמעון איז אַוועק קיין אַמעריקע, געוואָרן מייסטער-פֿריזיער, און געעפֿנט אַ שיינהייטס-סאַלאָן. אין אָנהייב האָבן זיך ביידע חברים דורכגעשריבן, נאָר ווען די ערשטע מלחמה איז אויסגע-בראָכן, האָט דער פֿאָדעם זיך איבערגעריסן, און זיי האָבן מער נישט געהערט איינער פֿון צווייטן.

אבא האָט געהאַט אַ גוט קעפּל און געלערנט אַ פֿאַך. ער האָט געירשנט די קונסט פֿון זיין טאַטן, דעם שוסטער — נאָר אבא איז געגאַנגען ווייטער פֿון זיין טאַטן, וואָס פֿלעגט באַשוכן דאָס גאַנצע שטעטעלע יעדליעץ. אבא האָט שטודירט אַנאַטאָמיע פֿון פֿיס, פֿון פֿינגער, פֿון נערוון, וואָס בינדן צוזאַמען דעם גאַנצן קערפּער און האַלטן דאָס געוויכט פֿון מענטשן. און אבא האָט באַשלאָסן צו מאַכן שיך נאָך דעם געבוי פֿון יעדן מענטשלעכן פֿוס באַזונדער, דורך

פלאַסטישע אַפּגוסן, און יעדער מענטש זאָל האָבן זיין אייגענעם געשטעל אין די ספּעציעלע צוגעפּאַסטע שיך.

ווען היטלערס נאַציס זיינען באַפאַלן דאָס שטעטעלע יעדליעץ, האָט ער אַרויסגעטריבן אַלע ייִדן און זיי אַוועקגעפירט אין די גאַז־קאַמערן, נאָר אבא האָט זיך דורך אַ נס געראַטעוועט. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די פּוילישע וועלדער און געוואָרן אַ פּאַר־טיזאַן. נאָך היטלערס מפּלה איז ער אַוועק מיט דער צווייטער עליה קיין ארץ־ישׂראל.

אין מדינת ישׂראל האָט אבא אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן. ער האָט זיך גענומען צוריק צו זיין באַליבטן פאַך, צו מאַכן שיך דורך פּלאַסטישע פורעמס און היילן קראַנקע און שוואַכע פיס.

יאָרן זיינען אַוועק, און די צוויי יוגנט־חברים האָבן ניט געהערט איינער פון צווייטן. שמעון האָט געוווינט אין האַרץ פון ניו־יאָרק, און נאָך יאָרן שווערער האָרעוואַניע, איז ער געפאָרן צוזאַמען מיט זיין ווייב זען די ייִדישע מדינה.

שמעון איז געשווומען מיט אַ ייִדישער שיף קיין ארץ־ישׂראל. אַלע זיינען געווען ייִדן, פונעם קאַפּיטאַן ביז די אַלע מאַטראָסן מיט בלויע היטעלעך מיט „מגן־דודס", און ווען זיי זיינען אָנגעקומען בשלום קיין ישׂראל, האָט זיין האַרץ געקוואָלן, וואָס ייִדן בויען אָן אייגענע מלוכה.

שמעון האָט געהערט, אַז זיין יוגנט־חבר געפינט זיך אין ארץ־ישׂראל. ער איז אַוועק צו די לאַנדסלייט און געפרעגט אויף זיין חבר אבאַן. נאָר קיינער האָט ניט געוווּסט ווו ער וווינט. איין מאָל גייט שמעון אין תל־אביב, און ער זעט אַ שילדל מיט אַ ספּע־ציעלן שוך, איז ער אַריין אין שטיבל.

פאַר אים איז געשטאַנען אַן עלטערער ייִד אין אַ ווייסן כאַלאַט. אבא האָט דערזען דעם נייעם גאַסט מיט אַמעריקאַנער מלבושים, האָט ער בײַ זיך געטראַכט: וואָס דאַרף אַן אַמעריקאַנער טוריסט קומען אַזש פון אַמעריקע צו אים נאָך שיך?

אבא האָט אים געהייסן זיך זעצן, און געפרעגט וואָס פאַר אַ שיך ער וויל האָבן. שמעון האָט געקוקט אויף זיין יוגנט־חבר:

ער האָט אויסגעזען ווי אבאס פֿאָטער, דער אַלטער שוסטער פֿון זייער שטעטעלע: גרויע האָר, טיפֿע קנייטשן אַרום שטערן. שמעון האָט זיך אַוועקגעזעצט, אויסגעטאָן זיינע שיך, און אויסגעשטרעקט זיין רעכטן פֿוס, אבא זאָל נעמען די מאָס. אבא האָט באַטראַכט דעם געבוי פֿון פֿוס, און געפֿרעגט, וואָס פֿאַר אַ שיך ער וויל האָבן. שמעון האָט געענטפֿערט: „איך וויל האָבן בלויז אַזעלכע שיך, וואָס מען האָט געמאַכט אין שטעטעלע יעדליעץ".

אבאס הענט האָבן אויפֿגעציטערט. שיך פֿון שטעטעלע יעד־ליעץ האָט בלויז איין ייִד געקאָנט מאַכן. און דאָס איז געווען זיין טאַטע. און פֿון וואַנען ווייסט אַ פֿרעמדער ייִד וועגן אַ שטעטעלע יעדליעץ?

אבא האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און ווידער באַטראַכט דעם אַמעריקאַנער ייִד.

אַזעלכע שיך ווי אין שטעטל יעדליעץ זיינען דאָ בלויז אין חלום. דאָס זיינען קינדער־שיך, וואָס האָבן געסקריפּעט און אויס־געשפּילט דעם חלום פֿון ליכטיקע יאָרן. יענע שיך קאָן ער ניט מאַכן. זיי זיינען פֿאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיטן שטעטעלע. זיי זיינען חלום־שיך פֿון צוויי חברים. זיין טאַטע פֿלעגט זיי מאַכן ערב פּסח, און אַלע גאַסן האָבן אָפּגעהילכט פֿונעם סקריפּ פֿון קינדערשע זוילן איבער די טראָטואַרן. יענע שיך זיינען פֿאַרבליבן אויף די חורבות פֿונעם חרוב־געוואָרענעם שטעטעלע יעדליעץ. יענע חלום־שיך זיינען פֿאַרברענט אויף אייביק.

אבא האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון הייסן שטערן, און אַ פֿרעג געטאָן: וואָס עפּעס דאַרף אַ ייִד שיך, פּונקט אַזעלכע ווי אין יעדליעץ?

אבא האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, און ווי פֿאַרבלענדט פֿון אַ בליץ, איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין בענקל.

ביידע יוגנט־חברים זיינען זיך געפֿאַלן אויף די העלדזער און זיך אַרומגענומען, און טרערן פֿון פֿרייד האָבן זיך געגאָסן פֿון ביידנס אויגן, און אין זיי האָבן געפֿינקלט די חלום־שיך, וואָס דער אַלטער שוסטער האָט געמאַכט אין שטעטעלע יעדליעץ.

די שבת־ליכט

עס איז געווען פרייטיק פאַר טאָג. אַ פייערדיקע זון איז אויפ־געגאַנגען איבערן נגב און געברענט די ערד. דאָס פייער האָט זיך צעשמאָלצן איבער די ברעגן און אַ נייער טאָג איז געבוירן גע־וואָרן.

די היטער פון קיבוץ האָבן זיך אומגעקערט פון דער נאַכט־וואַך. זיי האָבן אָפּגעשטויבט דאָס זאַמד, וואָס האָט געקלעפּט צו די פייכטע קליידער. מידע זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין געצעלט. דוד איז אַוועקגעפאַלן אויף זיין געלעגער, און דינה, זיין ווייב, האָט אים געהאָלפן אויסטאָן זיינע קליידער. דוד איז גלייך אַנט־שלאָפן געוואָרן.

דוד מיט דינהן האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו אַ גרופּע יונגע שומרים, איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע אין אַמעריקע און געפאָרן העלפן בויען די ייִדישע מדינה.

דינהס עלטערן זיינען געווען פרומע און איר מאַמע האָט קיין מאָל ניט פאַרפעלט צו בענטשן ליכט פרייטיק צו נאַכטס. און ווען דינה האָט זיך געגרייט צו פאָרן מיט דודן קיין ישראל, האָט די מאַמע איר אָנגעזאָגט: „געדענק, מיין טאָכטער, אין לאַנד פון אונדזערע אָבות זאָלסטו זיך פירן ווי מיר פירן זיך. זאָלסט קיין מאָל ניט פאַרגעסן צו בענטשן ליכט ערב שבת”.

דינה האָט געזען דאָס גרויסע ליכט פון ייִדישן לאַנד, וואָס האָט אָנגעצונדן די יונגע שומרים און זיי גערופן צו העלפן בויען די ייִדישע מדינה.

אַכצן משפּחות זיינען שוין דאָ. מען האָט זיי געבראַכט מיט העליקאָפּטערס. מען האָט אויסגעלאָדן מאַשינען מיט שפּייז, שאָף און אויך קי צו באַשפּייזן די משפּחות. און יונגע ניי־געבוירענע שטימעלעך קלינגען מיט זייער געוויין און געלעכטער אין ווייטן נגב.

✶

די אַרבעט אַרום קיבוץ האָט געררוישט, ווי אין אַ בינשטאָק. יעדער האָט געטאָן זיין באַשטימטע אַרבעט. דינה האָט אויסגע־מאָלקן די קי, אַריינגעטראָגן פרישע מילך, אויסגערייניקט דאָס מיסט אין שטאַל און זיך געגרייט צו שטיין אויף דער וואַך.

עס איז געווען איצט איר ריי צו גיין האַלטן וואַך. זי האָט אָנגעטאָן איר זעלנער־מונדיר, אָנגעפילט מיט פריש וואַסער איר פעלדפלאַש, אַרומגעבונדן דעם לעדערנעם גאַרטל, אויספּרובירט די ביקס. דער טאָג איז געווען הייס. די היץ האָט זיך געקלעפּט צו איר לייב. אירע אויגן האָבן געקוקט אַהין אין דער ווייטקייט, ווו עס ציט זיך דער נגב. מדבר און זאַמד האָבן זיך געבערגלט, פון דער ווייט האָט אַ שטיינערנע געבויגענע וואַנט אויסגעקוקט ווי אַ פאַרגליווערטע אוראַלטע חיה. איר פעלדזן־מויל האָט געשטשירעט מיט שוואַרצע ציין. אין דער ווייטקייט האָבן גרינע אינדזלען זיך געשפּרייט. נייע עולים האָבן באַאַרבעט דעם נגב.

דער טאָג איז געוואָרן הייסער און גליִקער. דינה האָט גע־שפּאַנט מיט דער ביקס צום פונקט, ווו זי האָט געדאַרפט איבער־בייטן אַן אַנדער היטער.

מיט יעדער נאַכט איז געוואָרן געפערלעכער. די שונאים האָבן באַשאָסן די וועכטער, צעטריבן די דערשראָקענע שאָף, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט און זיי צוגעגנבעט.

דינה איז געשטאַנען אויף דער וואַך, אירע אויערן האָבן אויפ־געכאַפּט יעדן קלאַנג פון מדבר. זי האָט געזען די פאַרטריקנטע וואָרצלען פון די קאַרליקלעך־ביימער, וואָס זיינען איינגעשלענגלט, ווי אָקטאָפּוסן אין מדבר. פּלוצלונג האָט זי דערהערט אַ פּישטשען, ווי אַ קליין קינד זאָל וויינען, ווי דאָס קול זאָל רופן וויינענדיק: מאַמע!

זי איז נאָכגעגאַנגען דעם קול און דערזען אַ לעמעלע ליגן מיט אַ פאַרבלוטיקט פּיסל. זי האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגעעפנט די לעדערנע פלאַש, אָפּגעוואַשן די וווּנד. דאָס לעמעלע האָט צו איר געקוקט מיט שטומע אויגן.

אין דער לופט האָט געשמעקט מיט פּולווער. דער פיינט לויערט

ערגעץ. ווי אַ שוואַרצער פֿאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט. דינה האָט אויפֿגעהויבן דאָס פֿאַרווונדעטע לעמעלע און זיך געלאָזט צוריק אַהיים.

די נאַכט איז געווען שטאַרק פֿינצטער. דינה האָט ניט געזען דעם וועג צוריק. צוליב דער שיסעריי האָט דער קיבוץ ניט אָנגע־צונדן קיין ליכט.

דינה איז געגאַנגען מיטן פֿאַרווונדעטן לעמעלע אויף די הענט. פּלוצלונג האָט זי עפּעס דערזען אין דער ווייטקייט. צוויי גאָלדענע שטערנדלעך האָבן אַ בליץ געטאָן אין דער פֿינצטערניש. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי איר מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל בענטשן ליכט. אין דער פֿינצטערניש האָבן געלויכטן איר מאַמעס שבת־ליכט, זי איז זיי נאָכגעגאַנגען און אַזוי איז זי אַריין אין קיבוץ.

אַלע זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויף איר, אַלע האָבן זיך געשראָקן, וואָס זי האָט זיך פֿאַרזאַמט. דינה האָט אַוועקגעלייגט דאָס פֿאַרווונדעטע לעמעלע אויף דער ערד. זי האָט זיך געוואַשן די הענט און פֿאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טיש, ווו עס האָבן געברענט די שבת־ליכט אין איר מאַמעס לייכטער. זי האָט אויפֿגעהויבן אירע ברוינע הענט און געבענטשט די ליכט. און דאָס פֿאַרווונדעטע לעמעלע מיטן באַנדאַזשירטן פֿיסל האָט שטיל געקרעכצט און געדאַכט האָט זיך, ווי עס וואָלט געענטפֿערט: אָמן.

דער נס פון די ביימעלעך אין נגב

מיט טויזנטער, טויזנטער יאָרן צוריק האָבן שטורעמס און ווינטן אַנגעווייט זאַמדן אין נגב. זאַמדן אויף זאַמדן האָבן זיך געבערגלט און געכוואַליעט. אין נגב איז געווען טרוקן, קיין לעבעדיק ביימל האָט קיין מאָל ניט געגרינט אויף דער זאַמדיקער וויסטעניש.

האָט אַ וואַנדערער אין מדבר פאַרזייט אַ ביימל, איז עס גלייך פאַרשאָטן געוואָרן אונטער די שטאַרקע כוואַליעס פון הייסן זאַמד.

אַזוי טויזנטער, טויזנטער יאָרן.

ביז עס איז געשען אַ נס. אַ מנין ייִדן, יונגען פון פאַרשידענע לענדער, זיינען געקומען קיין מדינת ישׂראל. און די יונגע ייִדישע זין האָבן געזאָגט: זיי זיינען די אוראייניקלעך פון די מכבייער, און זיי ווילן זיך באַזעצן אין נגב.

אויפן וועג קיין אילת ציט זיך דער נגב, — אַ גרויסער זאַמדיקער מדבר, פאַרשאָטן מיט בערגלעך הייסן ברייִקן זאַמד.

פאַר טאָג, ווען די זון איז נאָך געלעגן אין דער הייסער נאַכט באַהאַלטן, האָבן די זין אַרויסגעשלעפּט פון פעסלעך פון פריִער פאַרפלאַנצטע קליינע ביימעלעך, זיי אַנגעטרונקען מיט פריש וואַסער. זיי האָבן אויסגעגראָבן גריבעלעך אין זאַמד און זיי פאַרפלאַנצט, און יעדעס איינגעפלאַנצטע ביימעלע באַשירעמט מיט ארץ־ישׂראל־זאַמד.

ווען די הייסע זון איז אַרויס, האָט זי זיי גלייך אָפּגעבריט די גרינע האָר און די יונגע ביימלעך האָבן פאַרוואָרפן די קעפּלעך אין חלשות.

אויפן צווייטן טאָג האָט אַ כאַמסין־ווינט אָנגעהויבן צו פאַרבלאָזן די ביימעלעך, זיי צוגעדעקט די פאַרוואָרפענע קעפּלעך און זיי באַגראָבן אין זאַמד.

די יונגע זין האָבן זיך ניט פאַרלוירן. זיי האָבן מיט די הענט און נעגל זיך איינגעגראָבן אין די הייסע זאַמדן, אָנגעכאַפּט די ביימעלעך ביי די קעפּ, גיך אָפּגעשאַרט דעם זאַמדיקן שיכט, זיי

אָפּגעמינטערט מיט וואַסער, און אָפּגעבלאָזן דעם שטויביקן זאַמד.

דער כאַמסין־ווינט האָט זיך ניט דערשראָקן. אַ גרויסער זאַמד־שטויב האָט איינגעהילט דעם מדבר. די ייִדישע זין האָבן צוזאַמענ־גערופן אַן אסיפה, און דער עלטסטער, יוסף, האָט אַזוי געזאָגט: משה האָט באַוויזן אַ נס, אַז פון אַ שטיין זאָל גיין וואַסער, וועלן מיר פּרוּוון באַווייזן דעם נס, אַז אין מדבר זאָלן גרינען ביימער. ווען עס וועט קומען דער כאַמסין־שטורעם וועלן מיר אָנטאָן די ביימעלעך שלייערן. די נעצן פון די שלייערן וועלן אויפכאַפּן דאָס זאַמד און ניט צולאָזן צו די ביימלעך, און מיר וועלן באַווייזן דעם נס, אַז אין מדבר זאָלן גרינען ביימער.

און אַזוי איז געשען. אין מדינת ישׂראל האָט מען פּלוצלונג אָנגעהויבן נייען שלייערן ווי צו אַ חתונה. די רעדלעך האָבן גע־רעדלט, די שפּאָלן האָבן געטאַנצט, און די שערן האָבן געבלאַנקט, און אין די קוישן האָבן זיך שלייערן אויף שלייערן געבערגלט, שלייערן פון זאַמדקאָליר און פון ווײַן־קאָליר, און די שלייערן האָט מען געבראַכט אין נגב.

אין איין שיינעם פאַרנאַכט זיינען אַלע ביימעלעך געשטאַנען פאַרשלייערטע. דער כאַמסין־ווינט האָט געריסן די שלייערן, אָבער די שלייערן האָבן זיך אָנגעבלאָזן און צוריקגעשלאָגן דעם זאַמד־שטויב פון זיך, און די וואַסעררערן האָבן זיי באַוואַסערט, און ווען דער כאַמסין־שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, זיינען געשטאַנען הונדערט און צוואַנציק ביימעלעך און געשמייכלט צו דער זון.

אינהאַלט

I

פאַר וואָס כמאַרעס לויפן אַרום דער לבנה 9
פאַר וואָס איז נאַכט 10
ווייסע הענטשקעס 11
דריי בלינדע בעטלער 12
דער אונטערגעזעגטער בוים 13
צווייי ווערבעס 16
דאָס קאַרשנבײמל 18
גאָלדענע פישעלעך 21
אין שפּאַן 23
די פאַלשע קאַץ 26
דער איינזאַמער פיש 29
דער פּאָפּוגיי 31
אַ פויגל אַ ליידיקגייער 35
אַ שניייווייס קעצעלע 38
די שטאָלענע נעסט 41
די זקנה מיט די פייגל 43
פרילינג 46

II

דאָס קליינע ייִנגעלע 49
מאַיק 52
דאָס קאַרטאָפל־ייִנגעלע 56
שוואַרצאַפּל 58
די געשיכטע פון דזשינגאַליי 63
פריידעלע 66
דאָס ייִנגעלע פון ראָק־היל 68
אַ מאַמע 71
דאָס קאָרן־מיידעלע און דאָס ווייצן־מיידעלע 74
רויטע קאַרשן 77

III

שלום אייך, קינדער! 83
צוויי געפונענע לייכטער 84
דער קיבוץ 86
דעם זיידנס סידורל 88
חיימל וויל זיין אַ ייִדישער אַסטראָנאַט 93
דער בליצלאָמפּ 95
צוויי חברים 98
די שבת־ליכט 101
דער נס פון די ביימעלעך אין נגב 104

ביכער פון מלכה לי

„לידער“, ניו־יאָרק, 1932

„געזאַנגען“, ניו־יאָרק, 1940

„קינות פון אונדזער צייט“, ניו־יאָרק, 1945

„דורך לויטערע קוואַלן“, ניו־יאָרק, 1950

„דורך קינדערישע אויגן“, בוענאָס־איירעס, 1955

„אין ליכט פון דורות“, תל־אביב, 1961

„אונטערן נוסנבוים“, תל־אביב, 1969

„מעשׂהלעך פאַר יאָסעלען“, תל־אביב, 1969